אנארכיסטיש-קאמוניסטישע ביבליאטהעק.

91

די
אנארכיסטישע געזעלשאפט.

פון יאהאן גראוו.

פריי בעארבייט פון מ. קאטץ.

ארויסגעגעבען פון „אנארכיסטישען בראשורען פעראיין."

פרייז 5 סענט.

ניו יארק.
„פרייע ארבייטער שטיממע" פרינטינג, 225 מעדיסאן סט.
1894.

Digitized by Google

Stanford University Libraries
3 6105 010 482 466

97

LEEDS
CITY HALL FREE REFERENCE LIBRARY AND READING ROOM

Digitized by Google

"LIBERTY HALL" FREE
REFERENCE
LIBRARY
AND READING ROOM

Digitized by Google

Digitized by Google

אנארכיסטיש־קאמוניסטישע ביבליאטהעק.

די

אנארכיסטישע געזעלשאפט

פון יאהאן גראוו.

פריי בעארבייט פון מ. קאטץ.

ארויסגעגעבען פון „אנארכיסטישען בראשורען פעראיין.“

פרייז 5 סענט.

ניו יארק,
פרינטינג פון דער „פרייע ארבייטער שטימע“
1894.

Digitized by Google

צו דיא לעזער.

דיא ארטיקלען, וועלכע מיר גיבען דא דעם לעזער אין דער פארם פון א בראשורע, זיינען געוועזען איבערזעצט פון׳ם פראנצויזישען אין דער „פרידאם“ און פון דארט האט עס געגאסע מ. קאץ ארויסגענומען און פריי בעארבייטעט אין לייכטען זשארגאן, צוגענג־ליך פאר דעם אידישען לעזער. דער פערפאסער האט זיך געשטעלט אלס אויפגאבע צו זאמלען אלע איינוויענדונגען געגען דער פראקטישער איינריכטונג פון דער אנארכיסטיש־קאמוניסטישער געזעלשאפט און ענטפערן אויף זיי. ווער עס וועט דורכלעזען דיא גאנצע בראשורע (דער צווייטער באנד וועט, האפען מיר, אין גיכען ערשיינען) וועט זיך איבערצייגען, אז דיזע אויפגאבע איז פון פערפאסער מיט ערפאלג ערפילט געווארען. זעלבסטפערשטענדליך דארף דער לעזער מיט פיעלעס זיין בעקאנט אום צו קענען ערפאלגרייך דורכשטודי־רען דיזע בראשורע. פאר דעם רויען מענשען, וועלכער האט נאך קיין אהנונג פון סאציאליזמוס, וועט, זעלבסטפערשטענדליך, זיין שווער צו פערשטעהען וועגען וואס דא האנדעלט זיך, ווען ער וועט אויך דאצו ניט לעהרנען דיא פערלאנגען פון דיא סאציאליסטען אין אל געמיין. מיר ראטהען דיא אידישע סאציאלדעמאקראטען זיי זאלען זיך ניט פוילען דורכלעזען דיזע בראשורע, און זיי וועלען געפינען דא אנטווארט אויף דיא פיעלע פראגען, וועלכע זיי שטעלען דיא אנאר־כיסטען. בעזאנדערנס רעקאמאנדירען מיר דיא סימפהאטיזירער אונ זערע און גענאסען, זיי זאלען פון דאנען לעהרנען וואס און וויא צו ענטפערן אויף דיא אנגריפע פון דיא קאלעקטיוויסטען און זאנסטיגע קאנסערוואטיווע סאציאליסטען אדער סאציאלדעמאקראטען.

מיר זיינען כמעט וויא זיכער, אז אין צייט פון עטליכע וואכען וועלען מיר ארויסגעבען א גאנצע סעריע פון בראשורען, וועלכע זיינען שוין אין דרוק; זיי וועלען געבען דעם אידישען ארבייטער א מעגליכקייט פאלקאם צו פערשטעהן דיא ערהאבענע אידעען פון אנארכיע און קאמוניזמוס.

דיא ארויסגעבער.

Digitized by Google

I.

אויטאריטעט און ארגאניזאציאן

אויטאריטעט און ארגאניזאציאן זיינען צוויי בעזונדערע זאכען. ארגאניזאציאן מיינט ניט אויטאריטעט און אויטאריטעט מיינט ניט ארגא־ ניזאציאן. עס זיינען דא געוויסע אנארכיסטען, וועלכע אויס האס צו אויטאריטעט פארווארפען אויך יעטוועדע ארגאניזאציאן; זיי ווייסען אז דיא אויטאריטעטען האבען מיט דעם נאמען ארגאניזאציאן בעצייכענט אן אונטערדריקונגס סיסטעם; עס זיינען דא אויך אנדערע, וועלכע אנערקענען אן אויטאריטערע ארגאניזאציאן אין א קינפטיגער געזעלשאפט און רופען אן אזא ארגאניזאציאן אנארכיסטיש.

מיר דארפען איין מאל פאר אלע מאל פעסט־ שטעלען דעם אונטערשיעד צווישען אויטאריטעט און ארגאניזאציאן. דיא אויטאריטעטען פער־ שטעהען אונטער ארגאניזאציאן א גאנצע ממשלה, וואס גיט ארויס געזעצע און טהוט פאר אלעמען דאס וואס זיא געפינט פאר נויטיג, אדער זיא בעוועגט דיא מענשען אים נאמען פון זייערע פערטרעטער צו האנדלען אזוי אדער אנדערש. מיר פערשטעהען אבער אונטער דעם ווארט ארגאניזאציאן א גאנץ אנדער זאך; מיר פערשטעהן אונטער ארגאניזאציאן אן איינשטימיגע פער־

בינדונג פֿון מענשען מיט דעם צוועק צו שאַפֿען אדער אויפֿברייננגען דאס וואס עס איז נויטיג פֿיר די אינטערעסען פֿון דיזע אלע מענשען, וועלכע האבען געמאכט אזא בונד. דיזע געגענזייטיגע בעציהונגען, וועלכע די מיטגליעדער פֿון א געזעלשאַפֿט האלטען אויף אין זייער אלטעגליכען פֿערקעהר איינער מיט דעם אנדערן, דאס פֿאַרשטעהען מיר אונטער ארגאניזאציאן.

אבער דיזע ארגאניזאציאן, וויא מיר פֿערשטעהען זיא, האט קיינע געזעצע, קיינע פֿאַרשריפֿטען, וועלכע יעדער איינער פֿון דער געזעלשאַפֿט זאל מוזען פֿאלגען, ווען ער וויל ניט ווערן בעשטראַפֿט; דיזע ארגאניזאציאן האט קיין פֿערטרעטונגס קאמיטעע; די אינדיווידועןן (פערזאנען), וועלכע האבען זיך אויס געמיינשאַפֿטליכע אינטערעסען פֿארבונדען, ארגאניזירט, זיינען ניט געצוואונגען צו געהערן צו דיזער ארגאניזאציאן; זיי בלייבען זעלבסטשטענדיג און זיינען פֿריי די ארגאניזאציאן צו פֿערלאזען צו יעדער צייט, ווען זיי געפֿינען אויס, אז זייער פערזענליכע איניציאטיווע ווערט געהינדערט אין אזא ארגאניזאציאן.

מיר ווילען דא ניט געבען א בילד וויא די צוקינפֿטיגע געזעלשאַפֿט וועט אדער זאל אויסזעהען; מיר זיינען אויך ווייט פֿון אויסצוארבייטען א פלאן פֿאר א געזעלשאַפֿט נאך דער רעוואלוציאן און דיזער פלאן זאל זיין אויפֿגעשטעלט אלס א פרינציפּ; ניין, מיר ווילען דא נור ווייזען איינינע שטריכען, וועלכע נאך אונזער מיינונג זיינען די הויפטליניען, נאך וועלכע מיר דארפֿען זיך ווענדען אין אונזער פראפאגאנדא. אויך ווילען

Digitized by Google

מיר דא אנטוואָרטען אויף די פֿערשיעדענע איינווענדונגען, וועלכע ווערן געמאַכט געגען די אַנאַרכיסטישע אידעען, און געבען צו פֿערשטעהן דעם לעזער, אז עס קען זיך גאַנץ גוט לאָזען אָרגאַניזירען א געזעלשאַפֿט אהן א רעגיערונג, אהן א רעליגיאָן אדער פֿערטרעטונג, ווען נור אזא אָרגאַניזאַציאָן זאל זיין געגרינדעט אויף סאָציאַלע גערעכטיגקייט און גלייכהייט.

אלע אינדיווידועו דארף מען לאָזען פֿריי, זיי זאָלען זיך אליין צוזאַמענריידען און גרופּירען נאָך זייער געשמאַק, נאָך זייערע נייגונגען און פֿערוואַנדשאַפֿט. עס וואָלט געווען דום צו פֿערלאַנגען, דאס אויף מאָרגען נאָך דער רעוואָלוציאָן זאָלען איבעראַל איינגעפֿיהרט ווערן גלייכע אָרגאַניזאַציאָנען נאָך א בעשטימטען פּלאַן; מען דארף נור בעטראַכטען די פֿערשיעדענע טעמפּעראַמענטען אונטער מענשען, די פֿערשיעדענע כאַראַקטערן, אום מען זאל קלאָר פֿערשטעהן דאס דיינקען ווענען אזא פּלאַן איז א חלום, אן אוטאָפּיע, וועלכע קען ניט פֿאַרווירקליכט ווערן. מיר זיינען ניט זיכער דאס אן אידעאַל, וועלכער בעגייסטערט אונז היינט, ועט מאָרגען קענען בעפֿרידיגען אונזערע איינענע בעדירפֿניסע און בפֿרט די בעדירפֿניסע פֿון דער גאַנצער מאַסע פֿון פֿאָלק.— דעריין איינענטליך ליגט טאַקע די גאַנצע צרה פֿון די אלע סאָציאַליסטישע שולען, וועלכע זיינען ביז איצט געפֿריידינט געוואָרען; זיי האָבען אלע געמאַכט דעם זעלבען פֿעהלער: זיי האָבען אלע געוואָלט פֿאָראויס בעשטימען און רעגולירען די געזעלשאַפֿט, וועלכע זיי האָבען געוואָלט איינריכטען. וואָס

איז אבער געוועז דער פועל יוצא דערפֿון ? דאס וואס עס פאסט און געפֿעלט א געוויסער צאהל פערזאנען, קומט אויס ביי אן אנדער צאהל מענשען פֿאר גאנץ אונפראקטיש און שלעכט. און דערפֿאר זיינען דיא אלע כאציאליסטישע שולען געוועזען צו שוואך און האבען ניט געקענט שאפֿען עטוואס גוטעס, אן וואס מען זאל זיך קענען לאנג אנהאלטען.—

עס קען ניט זיין פאלשער וויא דיא בעהויפּ־טונג פֿון דיא רעאקציאנערן, אז אויב דיא אנאר־כיע זאל זיינען וועלען מיר זיך אומקעהרען צום ווילדען צושטאנד און אלע געזעלשאפטליכע בע־ציהונגען אונטער דיא מענשען וועלען פֿארניכטעט ווערן. מיר, אנארכיסטען, אנערקענען אז נור דורך פֿערייניגונג און געגענזייטיגע פֿערבינדונג וועט עס מעגליך זיין פֿאר מענשען צו בענוצען זיך מיט דיא מאשינעריע, מיט דיא אינדוסטרי־עלע און וויכענשאפֿטליכע ערפֿינדונגען ; נור ארבייטענדיג צוזאמען וועלען דיא מענשען קענען אויסניצען צו זייער וואהלזיין דיא מעכאנישע ארבייטס־קרעפֿטען. מיר זיינען אלזא שטארקע אנהענגער פון אסאסיאציאנען (פֿערבינדונגען, חברותא׳ס) ; מיר זאגען אבער אויסדריקליך, אז מיר אנערקענען דיזע פֿערבינדונגען פֿון מענשען אונטער איינאנדער נור פֿון דעם וואהלזיין וועגען פֿון דיא אינדיווידוען, פֿון דיא נוצען וועגען פֿון יעדען איינצעלנעם מענשען, אבער ניט פֿון אן אבסטראקטע פֿארמע וועגען, פון א העכערע בע־שעפֿנים וועגען, וועלכע מען רופֿט געזעלשאפֿט. מיר קענען זיך ניט פֿארשטעלען און קענען ניט בעגרייפֿען א געזעלשאפֿט, ווען מען זאל ניט

נעהמען אין אנבעטראכט אלע דיא איינצעלנע מענשען, פֿון וועלכע אזא געזעלשאַפֿט איז צו־זאמען־געזעצט געווארען.

ווען מיר ווילען אלזא ניט מאכען דיזעלבע פֿעהלערן וואס אנדערע, דארפֿען מיר זיך קלאהר מאכען, אז ניט אלע מענשען זיינען אויסגעגאסען אין איין פֿארם, אז עס זיינען דא טעמפעראמענ־טען, וועלכע קענען זיך פֿארטראגען מיט א געוויס'ע טהייל מענשען און מיט דיא מיינונגען פֿון אנדערע קענען זיי ניט איינשטימען. דאס דארפֿען מיר וויסען ניט נור דאן, ווען מיר ריידען וועגען א צוקינפֿטיגע געזעלשאַפֿט, זאנדערן אויך אין דעם פעריאָד פֿון אונזער פראפאגאנדא. אויב מיר ווילען אז דיא רעוואלוציאן זאל גע־מאכט ווערן נאך אונזער אידעאל נאך, דאן מוזען מיר זיא אזוי פֿאָרבערייטען, מיר מוזען זיך אר־גאניזירען נאך אונזערע פרינציפען ; מיר מוזען דיא איינצעלנע פערזאנען איינגעוויינען זעלבסט־שטענדיג צו האנדלען ; מיר טאָרען אין אונזערע ארגאניזאציאנען ניט איינפֿיהרען דיא איינריכטונ־גען, וועלכע מיר בעקעמפֿען אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט.

דיא אנארכיסטען דארפֿען זיין פראקטישער פֿון זייערע געגנער. זיי דארפֿען אויסמיידען דיא פֿעהלערן, וועלכע עס זיינען פֿון אנדערע געמאכט געווארען. מיר מוזען אפעלירען אן אלע מענשען, וועלכע זיינען ניט צופֿרידען מיט דער היינטיגער געזעלשאפט און ווילען איהר פֿערבייטען אויף א גערעכטערע ; מיר דארפֿען אבער ניט פֿאר־לירען צייט אויף דיסקוסיאנען וועגען דיא ניצליכ־קייט פֿון דעם אדער יענעם מיטעל. מיר דארפֿען

זיך גרופירען נאך אונזערע מיינונגען און נייגונגען, אנוועגדען דיא מיטלען, וועלכע מיר געפינען פאר גוט, און ניט קימערן זיך פאר דיא, וועלכע עס זיינען ניט קיין אנהעננגער פון אזעלכע מיטלען; אזוי עבען וועלען האנדלען דיא אנהעננגער פון אנדערע מיטלען, זיי וועלען דאס זייעריגע פראקטיש אנווענדען. מיר ווילען אלע דיא בעזייטיגונג פון דער היינטיגער סיסטעם און דיא ערפאהרונג וועט אונז זיכער לעהרנען, וועלכע מיטלען מיר זאלען דאצו אויסוועהלען.

דאס וועט הייסען פראקטיש געהאנדעלט און וועט פיעל ניצליכער זיין אלס צו פערברייגנגען דיא צייט אויף אזעלכע פערזאמלונגען, וואו יעדערער שרייט, אז זיין אידעע איז דיא גערעכטע און בעסטע; דער סוף דערפון איז אז מען געהט זיך פאנאנדער און עס בלייבט ביי דאס זעלביגע וואס נעכטען אין דער צייט; יעדערער בלייבט ביי דאס זייניגע. דיזע האמפערייען פיהרען נור דאצו, עס זאלען זיך גריגדען סעקטען, וועלכע קוקען פיינדליך איינע אויף דיא אנדערע; ביי זיי ווערט א צוועק איינע דיא אנדערע צו בעקעמפפען, און זייערע הויפטפייגד — דיא בורזשואזיע געזעלשאפט פערגעסען זיי אין גאנצען.

איהר געפינט נאך א נוצען ביי אזא סארט פרייען האנדלען, וויא מיר האבען אויבען געזאגט: דיא איינצעלנע פערזאנען וועלען זיך איינגעוויינען שטענדיג צו בעזוכען דיא גרופען, וועלכע זיינען פאסענדער פאר זייערע נייגונגען און פאר זייערע אידעען. זיי וועלען זיך אויך איינגעוויינען זעלבסטשטענדיג צו האנדלען, איידער זיי זאלען דארפען שטרייטען אין א גרופע, מיט וועלכער זיי

זיינען ניט איינפֿערשטאנדען, און דאדורך זאלען זיי שטערן דיא איבעריגע אין דער ארבייט, אדער זאלען זיין געצוואונגען צו אונטערוואַרפֿען זיך דער אויטאריטעט פֿון אנדערע. דער וויטערער פֿארטהייל פֿון אזא האנדלען בעשטעהט נאך דעריין, דאס א רעוואלוציאן,וועלכע וועט געמאכט ווערן אין דער געזעלשאַפֿט דורך אזא האנדלען, וועט אנדערש ניט זיין וויא אנארכיסטיש, דען דיא מענשען, וועלכע האבען זיך איינגעוויינט פֿון פֿריהער אן זעלבסטשטענדיג צו האנדלען, וועלען דאן, ווען דער זיעג וועט זיין עררייכט, ניט זיין אזוי דום צו אונטערוואַרפֿען זיך דעם ווילען פֿון אנדערע און דולדען אויף זיך א רעגיערונג. —

עס זיינען דא געוויסע סאציאליסטען, וועלכע האבען אן אידעאל צו בילדען איין איינציגע גרויסע ארבייטער פארטהיי אזוי וויא אין דייטש-לאנד. דיא פֿיהרער פֿון דיעזער פארטהיי וועלען אויף מארגען נאך דער רעוואלוציאן ארייננעהמען דיא מאכט אין זייערע הענד און וועלען בילדען א נייע רעגיערונג, וועלכע וועט נעהמען אין איהרע הענד אלע מיטלען צור ארבייט, וועט ארויסלאזען א דעקרעט אפצושאַפֿען פריוואט אייגענטהום, וועט ארגאניזירען דיא פּראדוקציאן, וועט רעגעלן קאנסומציאן (דעם געברויך) און וועט „זעלבסטפֿערשטענדליך" אונטערדריקען אלעמען, וועלכע וועלן מיט אזא פֿיהרונג ניט זיין איינפֿער-שטאנדען. מיר, אנארכיסטען, האלטען דאס איינפֿאך פֿאר א פוסטע פֿאנטאזיע; מיט דעק-רעטען שאַפֿט מען ניט אפ קיין פריוואט אייגענ-טהום; דאס קען נור אפגעשאַפֿט ווערן דורך פֿאקטען, כהאטזעכליך, אין דער צייט פֿון קאמפף

דורך דעם וואס דיא ארבייטער וועלען איינפֿאך נעהמען אין בעזיץ דיא פֿאבריקען, דיא מאשיע־נעריע און אלע ארבייטס־מיטלען. זיי וועלען ארויסטרייבען דיא יעצטיגע בעזיצער און וועלען זיך זאגען איינפֿאך: „דיזע הייזער, דיזע פֿאב־ריקען, דיזע מאשינען זיינען דאך פּראדוקטען פֿון פֿיעלע דורות מענשליכער ארבייט און פֿון זיי דארפֿען אלע הנאה האבען. יעדער איינער, וואס איז פֿעהיג צו בענוצען זיך מיט דיזער מאשין, מיט דיזער פֿאבריק, האט דאס רעכט דאס צו טאהן; אינדיווידועל, פּערזענליך אבער בעלאנגט עס צו קיינעם ניט".

דיא איינצעלנע פּערזאנען וועלען דאן גאר ניט זיין אים שטאנד צו אנאייגנען זיך דיזע מיטלען צור ארבייט; וואס וועט דער איינצעל־נער טאהן מיט מאשינען, ווען עס וועלען ניט זיין קיינע שקלאפֿען, וועלכע זאלען זיך ביי איהם פֿארדינגען פֿאר ווידשעם? קיינער וועט ניט האבען דיא מעגליכקייט צו בעזיצען מאשינעריע, ביי וועלכע מעהר וויא איין מענש דארף ארביי־טען; און דיא גרעסטע טהייל פֿון דיא היינטיגע מאשינען זיינען אזעלכע, מיט וועלכע מען קען נור שאפֿען דאן, ווען א געוויסע צאהל מענשען צוזאמען בעטהייליגען זיך אין דער ארבייט. דאס אליין וועט שוין ברייננען דיא מענשען צו אן איינשטימונג, צו ארבייטען געמיינשאפֿטליך. איינ־מאל זיינען דיזע מיטלען צור פּראדוקציאן אפּ־גענומען געווארען פֿון פּריוואט־בעזיץ. זעהען מיר ניט וואצו מען דארף האבען דיא דעקרעטען, וועלכע זאלען בעשטעטיגען דאס וואס עס איז

אין דער ווירקליכקייט, טהאטזעכליך, פּאקטיש שוין אפגעטאהן געווארען.

מען קען ניט גענוי פּאראויסזעהען דיא פאלגען פון'ם קאמפף. קענען מיר דען איבערהויפּט וויסען וויא לאנג דיא מלחמה וועט דויערן? אדער וואס ווערען זיין דיא קאנסעקווענצען פון קאמפף? וועלכע בעדירפניסע עס קענען זיך ענטוויקלען ביי דיא מענשען נאך דער רעוואלוציאן? מיר קענען עס מיט בעשטימהייט ניט פאראויס זאגען. דארום וואלט עס געווען נור אן אומזיכטע צייט־פערלירונג, ווען מיר זאלען זיך איינבילדען, אז מיר קענען צופאסען יעצט רעדער צו דעם צו־קינפטיגען געזעלשאפט־וואגען, אויף וועלכע ער זאל זיך בעוועגען נאך דעם פלאן וויא מיר האָ־בען זיך איינגעבילדעט. מיר מוזען זיך אבער אויך היטען פון'ם צווייטען פעהלער, וועלכען פיעלע רעוואלוציאנערן מאכען, ווען זיי זאגען, אז מיר דארפען זיך נור בעשעפטיגען מיט דער פערניכטונג פון דאס געגענווערטיגע, און ווען דאס בעשטעהענדע איז אפגעשאפט, דאן וועלען מיר זעהן וואס מיר האבען צו מאכען.—ווען מיר קענען זיכערליך ניט זאגען וואס עס וועט זיין, זא מוזען מיר אבער זאגען וועלכע שלעכ־טיגקייטען עס וועלען ניט זיין, אדער וואס מיר מוזען פערהינדערן אז עס זאל ניט פארקומען.

מיר קענען ניט זאגען, אויף וועלכער ארט און וויזע דיא פראדוקציאנס און קאנסומציאנס גרופפען וועלען גענוי ארגאניזירט ווערן; זיי ווע־לען אליין בעסער וויסען וויא אורטהיילען איבער דעם; איבערהויפּט קען מען ניט פארשרייבען פאר יעדער גרופפע אין יעדען פלאן דיזעלבע

האנדלונגגען. מיר קענען אבער זעהר גוט זאגען וואס מיר פערזענליך וואלטען געטאהן און וויא מיר וואלטען זיך ארגאניזירען, ווען מיר וואלטען געווען אין א געזעלשאפֿט, אין וועלכער יעדער אינדיווידואום קען זיך פֿריי בעוועגען, און וואס מיר האבען צו טאהן איצט, ווען מיר ווייסען אז דיא רעוואלוציאן איז א דערפֿיעלונגס אקט פֿון דער עוואלוציאן. מיר קענען זאגען וויא א געזעלשאפט קען גאנץ רוהיג און זיכער בעשטעהן אהן דיא גלענצענדע סטאטיסטישע קאמיסיאנען, מיט וועלכע מען בליצט אונז אין דיא אויגען, אהן ארבייט צעטעלעך, מיט וועלכע דיא קאָ־לעקטיוויסטען ווילען אונז א טובה טאהן, א. ז. וו, און מיר רעכנען, אז עס איז נויטיג צו זאגען און צו בעווייזען, וויא דיא געזעלשאפֿט קען זיך אהן דעם אלעם בעגעהן און ענטוויקלען, וויל עס ליגט שוין אזוי אין דער נאטור פֿון דיא מענשען; זיי ווילען קיין זאך ניט אונטערנעהמען ווען זיי ווייסען ניט פֿאראויס, וואוהין אזא אונ־טערנעהמונג וועט זיי פֿיהרען; און אויסער דעם, ווייל דער צוועק, וועלכען מיר ווילען עררייכען איז דיא ענדע פֿון ריכט־שנור, נאך וועלכען מיר דארפֿען בעטרייבען אונזער פראפאגאנדא.

II,

סטאטיסטישע קאמיסיאנען און ארבייטס־פרייז.

עס זיינען דא מענשען וואס גלויבען, אז אין א צוקינפטיגער געזעלשאפט וועט מען אויך דארפען מעסטען, וועגען און אפשאצען דעם ווערטה פון דעם מענשענס ארבייט, און נאך דעם ווערטה נאך וועט דער מענש מוזען געניסען, ד. ה. איהם וועט זיין פערבאטען צו געניסען מעהר וויא דעם ווערטה פון זיינע פראדוקטען, פון דיא פראדוקטען, וועלכע ער האט אליין געשאפען. דאס איז ווידער אמאל א פאראורטהייל, פון וועלכען דיא מענשען זיינען פערבלענדעט און קענען איבער דעם ניט זעהען דיא מעגליכקייט פון א קאמוניסטישער געזעלשאפט.

עס איז ווירקליך צו בעוואונדערן. ווען מען בעטראכט וויא שטארק עס זיינען נאך אין מענשען דיא פאראורטהיילע! מענשען, וועלכע בעגרייפען שוין דיא גאנצע פאלשקייט פון דער איצטיגער האנדעל־סיסטעם; זיי זעהען דוכט זיך איין, אז מען מוז פערניכטען דיא איצטיגע קאנקי־רענץ, אז מען דארף אפשאפען געלד, דיא מטבעה זאל ניט זיין א מיטעל דורך וועלכען דער קאפיטא־ליסט זאל קענען נארען דעם ארבייטער; קיינער זאל ניט האבען דיא מעגליכקייט אפצוקויפען פאר געלד מעהר ארבייטסקראפט, איידער דער ארביי־

טער קריעגט פֿאר דאס געלד, וואס מען בעצאהלט איהם פֿאר זיין קראַפֿט; דיא מענשען פֿארשטעהען, אז דאָס אַלעס מוז אפגעשאַפֿט ווערן; וויא עס קומט אבער צו רייד וועגען א קינפֿטיגער געזעלשאַפֿט, קענען דיזעלבע מענשען אנדערש ניט פֿערשטעהן וויא סיידען אומצוביימען דעם היינטיגען טויש־מיטעל — געלד — אויף אן אנדער טויש־מיטעל — ארבייטס־שיינען!

דיא לייטע פֿערשטעהען ניט, אז דיא געפֿאהר ליגט דא ניט אין דער מטבעה. מיט וואס איז דען אין דער ווירקליכקייט א מעטאל פֿון העכערען ווערטה אן ערגערער מיטעל צו טוישען סחורה איידער אן אנדער וועלכער עס איז מיטעל? דער תירוץ איז, דיא צרה ליגט ניט אין דעם אדער יענעם מיטעל אלס טויש־ווערטה, זאנדערן דעריין, וואס וויא איהר הייבט נור אן צו וועגען און צו מעסטען דעם ווערטה פֿון יעדער שטיקעל מענשליכער ארבייט, אזוי מוז ביי אייך ארויסקומען א ווירוואר אין דער געזעלשאַפֿט. לייגט איהר נור אוועק אלס גרונדשטיין אין דער געזעלשאַפֿט דעם פרינציפּ, צו שאצען דעם ווערטה פֿון יעדערנס ארבייט, וועט שוין דאן זיין אין דיא אינטערעסען פֿון יעדען מענשען זיין ארבייט זאל זיין געשאצט העכער פֿון׳ם צווייטענס, און דאס וועט ארויסרופֿען דיזעלבע צרות, וואס מיר האבען יעצט אין דער געזעלשאַפֿט. אום דיזע צרות צו פֿערמיידען מוזט איהר אויסזוכען א מיטעל, וויא צו וויסען דעם ג ע נ ו י ע ן ווערטה פֿון יעדער פראדוקט, און אזא מיטעל איז ניטא; איהר קענט איהם ניט אויסגעפֿינען וויא איהר זאלט זיך ניט

מאטערן. איך וועל אייך ווייזען ווארום איהר קענט אזא מיטעל ניט אויסגעפינען.

דאס מעהרסטע טהייל פון דיא אויטאריטעטרע סאציאליסטען אדער סאציאל דעמאקראטען האבען אנגענומען א שטונדע ארבייטס צייט פאר א מיטעל צו שאצען דעם ווערטה פון יעדער פראדוקט. נאך דעם נאך דארף זיך יעדער פראַ־דוקט שאצען נאך דעם צאהל פון דיא שטונ־דען ארבייטס־צייט, וואס עס האט גענומען אום צו שאפען אזא פראדוקט. דא איז אבער דיא צרה וואס ניט יעדער פאך ארבייט פאדערט דיזעלבע אנשטרענגונג פון קראפט; ביי איין פאך ארבייט קען מען זיך אפמאטערן אין א שטונדע מעהר וויא מען מאטערט זיך אפ אין עטליכע שטונדען ביי אן אנדער פאך ארבייט. יעדערער וועט אלזא וועלען אז זיין שטונדע ארבייט, אדער זיין קראפט, וואס ער האט אין דער שטונדע ארבייט פארלארען, זאל זיך שעצען העכער פון דיא אנדערע — און ווירקליך, מאנכע פון דיא קאלעקטיוויסטען גיבען שוין צו, אז עס וועט זיין אן אונטערשיעד אין דעם ווערטה פון א שטונדע ארבייט: פאר מאנכע סארטען ארבייט וועט מען דארפען בעצאהלען מעהר וויא פאר אנדערע פאכען ארבייט. עס פרעגט זיך אלזא, וואו נעמט מען אזא סארט מאשין, אזא דינאמא־מעטער, וועלכע זאל ווייזען דיא מאס, וויפיעל קראפט א מענש האט פארברויכט ביי דעם שאפען פון א געוויסען פראדוקט? און וויא זאל מען מעסטען אדער שאצען דיא ארבייט פון מאיך, דיא אנשטרענגונג פון מענשענס שכל אין פער־גלייך מיט דער ארבייט פון זיין קערפער, מיט

דער אנשטרענגונג פֿון זיין מוסקולנע קראַפֿט? קורץ גערעדט — וואו געפֿינט מען דיא מאָס צו שאצען דעם ווערטה פֿון דעם מענשענס ארבייט, אז יעדערער זאל גענוי קריגען, וויא דיא קאלעק־טיוויסטען רופֿען עס, דיא פֿולע פֿריכטע פֿון זיין ארבייט? און נאך מעהר וואלט זיך וועלע וויסען, ווער זועט עס זיין דער שאַצער?

און דערפֿאר איז אין דער ווירקליכקייט טאקע אונמעגליך הערצושטעלען אירגענד וועלכען טויש־ווערטה; מען קען ניט גענוי אפשאצען יעדער שטיקעל ארבייט ביים אומטוישען איין פּראדוקט אויף דעם אנדערן. דאס קען נור איינגעריכטעט ווערן עטוועדער דורך פֿרייען, פֿריינדליכען אפּ־מאכען פֿון דיא מענשען צווישען אנאנדער, אדער סיידען דיא סטאטיסטישע קאמיסיאָן זאל אויפֿ־דרינגען און ארויפֿלייגען מיט געוואלד א פּרייז אויף יעדער שטיקעל סחורה. פֿיעלע אבער פֿון דיא קאלעקטיוויסטען לייקענען עס אפּ; זיי ווילען ניט ליידען אז מען זאגט זיי, דאס זייער סטאטיס־טישע קאמיסיאָן איז א מין רעגיערונג. איז דיא סטאטיסטישע קאמיסיאָן ניט קיין רעגיערונג און האט ניט קיין מאכט ארויפֿצודרינגען א פּרייז אויף יעדער שטיקעל אַרבייט, וואס אלע זאלען געהארכען, טא וויא זשע אנדערש וועט קענען געמאלט זיין דער אויסטויש פֿון פּראדוקטען, ווען נישט ביי אַן איינפֿאכען, פֿריינדליכען אפמאך צווישען דיא ארבייטער?

ווען עס זאל אזוי נישט זיין, ווען עס זאלען ווירקליך איינגעפֿיהרט ווערן אין א קינפֿטיגער געזעלשאפֿט אלס א טויש־מיטעל ארבייט־שיינען סערטיפֿיקייטס), טא וויא, פֿרעגט זיך, וועט מען

קענען אויסהיטען, אז אזעלכע שייגען זאלען זיך ניט אנקלייבען ביי איינצעלנע מענשען, אזוי וויא מען קלייבט איצטער אן געלד? דערויף ענטפערט מען אונז געוויינליך, אז ווען אפילו מאנכע מענ-שען וועלען אנזאמלען אזעלכע ארבייטס צעטעלעך איז נאך דיא סכנה ניט אזוי גרויס, ווייל פאר אזעלכע צעטעלעך וועט דער מענש קענען קריגען בלויז דיא זאכען, וועלכע ער קען אליין פארברויכען, אבער ניט חו״ש קיין לאנד, קיינע מאשינען אדער אנדערע מיטלען צו דער ארבייט; דיא פראדוקציאנס מיטלען וועלען אימער בלייבען געמיינשאפטליכע אייגענטהום. מיר וועלען צוגע-בען, אז עס איז ניטא קיין גרויסע סכנה עס זאל זיך ענטוויקלען פריוואט אייגענטהום אין לאנד און מאשינעריע; אבער זיכער איז עס דאך, אז דיא אנזאמלונג פון אזעלכע ארבייטס שיינען וועט סוף כל סוף מוזען ברייגגען דיא גאנצע צוקינפטיגע ארגאניזאציאן אין א קריטישע לאגע, אין א ווירוואר. איך וועל אייך ווייזען וויא אזוי.

וויא איז, למשל, אז עס וועלען זיך טרעפען אין דער ארגאניזאציאן מענשען מיט שלעכטע אבזיכטען, (ווען מיר ריידען וועגען א פ-ייע אנארכיסטישע געזעלשאפט פערפעהלען אונזערע געגנער ניט צו דערמאנען אונז וועגען אזעלכע שלעכטע מענשען) און דיזע מענשען זיינען פעהיג צו פראדוצירען מעהר וויפיעל זיי דארפען געברוי-כען. זיי האבען אלזא געשאפט פאר מארקעט מעהר פראדוקטען איידער זיי פאדערן פון מארקעט. דיא ארבייטס-צעטעלעך, וועלכע זיי האבען געקרא-גען פאר זייערע פראדוקטען, וועלען זיי זאמלען, און אופ'ן מארקעט וועלען זיין מעהר פראדוקטען

איידער דער געברויך איז. עס זיינען אבער דא אויך מענשען אין דער געזעלשאפֿט, וועלכע וואל־טען וועלען מעהר געניסען. וויא זאלען זיי טאהן? שאפֿען פֿארן מארקעט נאך פראדוקטען, פֿאר וועלכע זיי זאלען קריגען ארבייטס־שיינען אום צו קענען אויסטוישען אויף אנדערע פראדוקטען, וועלען זיי ניט קענען, ווייל דיא סטאטיסטישע קאמיסיאן וועט צייגען אז פראדוקטען זיינען דא גענוג אויפ׳ן מארקעט, איבערגענוג, מעהר פֿון׳ם געברויך; אומזיסט וועט מען קיין פראדוקטען ניט קריגען, מען מוז האבען ארבייטס־שיינען, און אט האט איהר ווידער דיא איבעל פֿון דער היינטיגער געזעלשאפֿט; עס ווערט א ווירוואר, א כאאָס אויפ׳ן מארקעט: פראדוקטען זיינען דא גענוג, מעהר שאפֿען דארף מען ניט, און עס זיינען דא מענשען, וועלכע ווילען געניסען, ווילען שאפֿען, ווילען פראדוצירען און האבען ניט דיא מעגליכקייט.

מען ענטפערט אונז געוויינליך, אז דאצו איז אויך דא א סגולה, מען וועט אויסזעצען א בע־שטימטע צייט ביז וואנען דיא ארבייטס־שיינען זאלען זיין אין זייער קראפֿט, און נאך דיזער צייט פֿערלירען זיי אין גאנצען זייער ווערטה, און דאן איז שוין אונמעגליך א גרויסע אנזאמלונג פֿון אזעלכע שיינען. עס פֿרעגט זיך אבער, וויא וועט מען דאס פראקטיש קענען דורכפֿיהרען? וועט מען דען ניט האבען א רעכט אומצוביטען דיא שיינען, דיא צייט פֿון וועלכע עס איז שוין אפּ־געלאפֿען, אויף נייע שיינען? קען מען דען צווינגען א מענשען, אז ער מוז דוקא היינט געניסען אלעס וואס ער ארבייט אוים און טאר עס

ניט לאזען אויף מארגען אדער אויף איבער אכט־טאג? אויף אזא׳ן אופן וועט דאך מוזען אויסגעארביים ווערן א גאנצע פראגראם, וויא צו צווינגען מענשען צו געניסען ניט דאן ווען זיי וױלען, נור ווען זיי מוזען. דא האט איהר א נייע סדרה פון געזעצע, פון צופיעל פראדוקטען, פון ארבייטסלאזע א. ז. וו. — שטרעבט מען דען אומצובייטען דעם היינטיגען צוריסענעם שוך אויף א קינפטיגען צוריסענעם פאנטאפעל?

וויא עס זעהט אויס איז דערפאר טאקע נויטיג אין א קינפטיגער געזעלשאפט א סטאטיסטישע קאמיסיאן, אים צו פארגלעטען דיא אלע ווידערשפריכע, אויף וועלכע עס איז געגרינדעט אזא געזעלשאפט. אנדערש גערעט— דיא סטאטיסטישע קאמיסיאן וועט האבען צו רעגולירען דיא ארבייטסצייט, דעם ארבייטס־פרייז און וואס עס זאל געשאפט ווערן; זיא וועט, מיט אייןווארט, פארשרייבען, וויא, ווען, ווער, וואו און וואס עס זאל געטאהן ווערן. דער מענש אין אזא געזעלשאפט וועט זיך אויף יעדער שריט און טריט אנשטויסען מיט׳ן נאז אן א געזעץ. אזא געזעלשאפט קען זיך רופען קאלעקטיוויסטיש, פריי אבער איז זיא בשום אופן ניט, קיין גלייכהייט איז אין איהר זיכערליך אויך ניטא.

א חוץ דעם אבער שטעקט דא נאך א סכנה און אט וועלכע: ווען איהר גרינדעט קאמיסיאנען, וועלכע האבען צו שאצען און צו מעסטען דעם ווערטה פון ארבייט, און צו פערוואלטען און רעגולירען וויא, וואס און ווען עס זאל געשאפט ווערן, ד. ה., מיט אנדערע ווערטער גערעט,

ווען איהר גיט איבער דיא פֿולע מאכט צו רעגי־
לירען דיא פראדוקציאן און דעם געברויך אין דיא
הענד פֿון א רעגיערונג, וואס פֿאר א נאמען זיא
זאל ניט טראגען, דאן האט דיא רעוואלוציאן
ניט געהאט קיין אנדער צוועק, וויא נור שנעלער
צו עררייכען דיא שטופֿע, צו וועלכע דיא היינטי־
גע בורזשואזנע געזעלשאפֿט ענטוויקעלט זיך — צו
קאנצענטרירען דעם גאנצען קאפּיטאל און
אייגענטהום פֿון דער געזעלשאפֿט אין דיא הענד
פֿון א גאנץ קליינע צאהל מענשען.

איצט, ווען דער שטאאט פֿערמעגט נור א
קליינעם טהייל פֿון דיא געזעלשאפֿטליכע רייכ־
טהימער, איז שוין דערפֿון ארויסגעוואקסען
א גאנצע חברה פאליטישענס מיט פערזענליכע
אינטערעסען, וואס הינדערט אזוי פֿיעל דיא
ענטוויקלונג און דיא פֿרייהייט פֿון דער געזעל־
שאפֿט. וואס וועט שוין זיין, פֿרעגט זיך, ווען דער
שטאאט וועט זיין דער בעזיצער פֿון אלעם און
דער איינציגער ארבייטס געבער? אן אלמעכטי־
גער שטאאט, וועלכער וועט זיין דער איינציגער
בעל דעה אויף אלעם און וועט האבען צו פֿער־
טהיילען דעם פֿערמעגען אין דער געזעלשאפֿט!
זעלבסט פֿערשטענדליך, אז דיזע פֿערטהיילונג
וועט דאן זיין אזוי וויא עס וועט פאסען און
וויא עס וועט זיך לוינען פֿאר דיא אינטערעסען
פֿון דיא שטאאטס־מענער, פֿון דיא פֿערוואלטער.

שטעלט זיך ווירקליך פֿאר אזא שטאאט אין
דיא הענד פון וועלכען עס וועט זיין אלעס, — א
שטאאט, וועלכער וועט ניט נור זיין א הערשער
איבער דעם דור, זאנדערן אויך איבער דיא
קינפֿטיגע דורות, דען ער וועט דאך אויך האבען

צו זאגען איבער פֿאלקס־בילדונג און קינדער ערציהונג. עס וועט זיין אין זיינע הענד צו געבען א ברייטע, פֿרייע ענטוויקעלונג דער מענשהייט, אדער אפהאלטען דיא עטוויקלונג פֿון יונגען דור דורך אן ענגע, שלעכטע ערציהונגס מעטאדע. זייט זיך מודה, אז אזא מאכט איז עטוואס שרעקליכעס און עס איז דא פֿאר וואס מורא צו האבען.

מיר בעקלאגען זיך דאס דיא איצטיגע סיסטעמא לאזט אונז ניט פֿריי ענטוויקלען זיך; מיר בעקלאגען זיך דאס אין אלע אונזערע בעשטרעבונגען מישט זיך אריין דער שטאאט מיט זיין אויטאריטעט און לאזט אונז ניט געהן פֿארווערטס. וויא וואלטען מיר שוין געדארפֿט קלאגען אין א געזעלשאפֿט, וואו קיין זאך טאר ניט פראדוצירט ווערען, וויא לאנג עס איז ניט אנגעוויזען געווארען פֿון דער רעגירונג, וועלכע—אגרויסע טובה טהוט מען אונז—מען רופֿט ניט „רעגירונג„ נור „סטאטיסטישע קאמיסיאן”.

אין אזא געזעלשאפֿט, וואו עס קען קיין זאך ניט פראדוצירט ווערן, אויסער דאס וואס דער שטאאט געפֿינט פֿאר ניצליך, וואלט אונמעגליך געווען צו ערווארטען, אז א נייע אידעע זאל גאר קענען אמאל דערזעהען דיא ליכטיגע וועלט, ווען דער שטאאט האט אזא אידעע ניט אנערקענט אלס א ניצליכע פֿאר דער געזעלשאפֿט. אזוי וויא מיר ווייסען אבער, אז יעדער נייע אידעע האט צו שטרייטען געגען דיא אידעען, וועלכע עקזיסטירען שוין און זיינען פֿון אלעמען אנערקענט געווארען, זא קענען מיר ניט ערווארטען, אז דער שטאאט זאל אזא נייע אידעע אנערקענען אלס ניצליך; פֿערקעהרט, עס איז

גיכער צו ערוואַרטען דאס אזא נייע אידעע זאל אויסגעטיליגט ווערן בעפאָר נאך זיא האט אנ־געהויבען דורכצוברעכען זיך א וועג צו דיא מענשליכע מוחות.

לאמיר זיך דאס פאָרשטעלען קלאהר: נעהמען מיר צ. ב. ש. דרוקעריי —, ביז איצט איז דרוקע־ריי געוועזען דיא הויפּט הילפע פון פאָרטשריט, ווייל דאס מאכט מעגליך, אז דער געדאנק, וועל־כער איז ביי א מענשען ענטשטאנדען אין מוח, און דיא וויסענשאַפט וואס איין מענש בעזיצט זאל קענען גרייכען צו אלעמען—, אין א קינפטיגער געזעלשאַפט אבער, וואו דער שטאאט זאל האבען אזא דעה און אזא מאכט,וויא מיר האבען דא פריער פאָרגעשטעלט, וואלט שוין דרוקעריי ניט געקענט דינען אלס א הילפע צום פּראָגרעס; וויא גוט און ליבעראל דיא מענשען וואס וועלען האבען דיא שטאאט־מאכט אין זייערע הענד זאלען ניט זיין, מיר מעגען זיך אבער ערלויבען צו צווייפלען, אויב זייער גוטסקייט וועט גרייכען אזוי ווייט, דאס זיי זאלען ערלויבען צו דרוקען דאס, וואס עס וועט זיי אטאקירען. פערגעסט זיך ניט, אז זיי דארפען גאר דאביי ניט מאכען קיין גרויסע מחזקות; זיי דארפען נור אנשרייבען: אין אנבע־טראכט דאס אלע פּראָדוצירענדע קרעפטען זיינען פערנומען יעצט מיט זאכען, וועלכע עס זיינען זעהר נויטיג פאָרן יעצטיגען געברויך, איז עס ניט רעכט צו פערנעהמען זיך מיט זאכען, וואס דער געזעלשאַפט איז איצט ניט נויטיג.

III.

קלאססען-רעגיערונג אדער פרייע גרופפען.

מען זאגט אונז: ניין, דיא סטאטיסטישע, קאמיסיאנען זיינען ניט קיין רעגיערונג; זיי האבען נור אלס אויפגאבע צו בעשטימען דיא פראדוקציאן צו פערטהיילען דיא פראדוקטען, צו ארגאניזירען, צו רעגולירען, צו מאכען א טאלק, אבער ניט חו״ש הערשען; זיי האבען קיין פאלמאכט ניט צו בעפעהלען און מען זאל זיי מוזען געהארכען; אויב דיא מענשען געפעלט ניט וועלען זיי ניט פאלגען,— אזוי? טא וואצו זשע דארף מען ז י י, אויב דיא גרופען האבען דיא פרייהייט צו טאה: אלעס נאך זייער אייגענעם געשמאק און וויא זיי אליין געפעלט? אין וואס בעשטעהט דאן דיא פראקטישע ניצליכקייט פון אזעלכע קאמיסיאנען, וועלכע מ׳ין הערט וויא דעם קאטער? איז עס דען ניט איינפאכער צו לאזען דיא גרופען פריי ארגאניזירען זיך און רעגולירען זייער פראדוקציאן אזוי וויא זיי אליין געפעלט, נאך זייער אייגענעם געשמאק. וויאבאלד אז מ י ט דיא קאמיסיאנען וועט דאך אין דער פראקטיקע אויך זיין דאסזעלבע?

וויא דיא קאלעקטיוויסטען זאלען זיך דא ניט קעהרען פארפלאנטערן זיי זיך אזוי, אז זיי קענען בשום אופן ניט ארויסקריכען,— ממה נפשך: זיינען דיא גרופען און איינצעלנע פערזאנען פריי

אנצונעהמען אדער צו פֿארוואַרפֿען דיא בעשליסע, ענטשיידונגען און בעשטימונגגען פון דער סטאַ- טיסטישער קאמיסיאן, ד. ה. וועלען זיי אימער קענען טאהן דאס וואס זיי ווילען, נאך זייער אייגענעם געשמאק, דאן האט דאך דיא קאמיסיאן קיין זינען ניט. פֿערקעהרט זשע גענומען, ווען דיא ענטשיידונג און בעשטימונג פֿון דער סטאַ- טיסטישער קאמיסיאן איז א בעשלוס, א געזעץ, וועלכער מוז אויסגעפֿיהרט ווערען, וועט דאן מוזען אויך נויטווענדיגער ווייזע זיין א מאכט, וואס זאל דורכזועצען און היטען אז אזא געזעץ זאל ניט איבערגעטראטען ווערן, און געווים אויך א שטראפֿע פֿאר ניט ערפֿילען אזא געזעץ, און דאן איז עס א רעגיערונג מיט אלע איהרע פֿאלגען.

זעהר אָפֿט קומט אויס צו הערען דיא פֿראזע: „דיא ארבייטער קלאסע דארף ארייננעהמען דיא רעגיערונג אין איהרע הענד". דאס איז איינע פֿון דיא קלינגענדע פֿראזען, וועלכע מען ווארפֿט צו פֿון צייט צו צייט דער מאסע אלס א פרימאַנקע. מען מאכט זיך אבער ארויס, מען גיט ניט קיין ערקלערונג, וואס אזוינס פֿערשטעהט מען אונטער א „רעגיערונג פֿון דער ארבייטער קלאסע". פֿון וואנען קומט אזא רעגיערונג ? וויא וועט אזא רע- גיערונג ארבייטען ?

ווען מיר פֿארשען גוט דורך דיעזע טהעטיג- קייט, דיעזען ארט שטרעבען צו א רעגיערונג פֿון דער ארבייטער קלאסע, דאן זעהען מיר פֿאל- גענדעס: מען וויל ארגאניזירען און דיסציפלינירען דיא ארבייטער קלאסע אלס א בלינדע, אונבע- וואוסטע מאסע, וועלכע דארף האנדלען אזוי וויא דיא ארגאניזאטארס, וויא דיא קאמאנדירען

בעפֿעהלען, וויא מען שרייבט פֿאר פֿון אויבען; אויסער דיעזע פֿארשריפֿטען טאר קיינער זיך ניט ערלויבען זיין מיינונג צו האבען אדער צו האנדלען נאך זיין אייגענע איניציאטיוועּ. דער סוף דערפֿון איז, אז דיעזע ארגאניזירטע מאכט וועט ווערן דיא ווירטהין נאך דער רעוואלוציאן און אלע מוזען זיך איהר אונטערגעבען.

מיר גיבען צו, אז אויף אזא׳ן אופֿן וועלען דיא פֿיהרער קענען אלעמען מאכען אונטער־טהעניג, ווייל זיי וועלען האבען הינטער זיך דיא גאנצע בלינד ארגאניזירטע ארבייטער קלאסע, ד. ה. זיי וועלען זיין געשטיצט פֿון דער רעוואַ־לוציאן אליין. געגען אזא מאכט וועט זיין שווער צו שטרייטען, ווייל דאס איז ניט א הערשאפֿט, וועלכע געפֿינט זיך ערגעץ אויטסייד, געגען וועלכע מען פֿיהרט א קאמפף, זאנדערן דאס איז דיא דיקטאטורע פֿון דיא, וועלכע פֿיהרען אן דיא רעוואלוציאן; דאס איז דיא הערשאפֿט אין אונזערע אייגענע רייהען, וועלכע רעוואלטירען געגען דאס אלטע.

דערפֿאר קומט אונז, אנארכיסטען, אויס שטארק צו קעמפֿען געגען אזא הערשאפֿט, ווייל דיא פֿאלגען פֿון איהר וועלען זיין פֿיעל געפֿעהרליכער פֿון אלע אנדערע הערשאפֿטען, דען דאס פֿאלק וועט זעהען דורכצופֿיהרען אלעס וואס עס וועט זיין פֿארגעשריבען פֿון אויבען און וועט קעמפֿען געגען אלעס אזוי וויא מען וועט פֿון אויבען פֿער־לאנגען, דיינקענדיג, אז דאס איז דער קאמפף פֿאר זיינע אייגענע אינטערעסען. און אזוי אר־בייט זיך דאס אויס א נייע סארט הערשאפֿט אויפֿן אלטען שטייגער.

און ווער וועלען עס זיין דיא „רעגיערונג פֿון דער ארבייטער קלאסע״? לאמיר רעכענען אז דאס וועלען זיין מענשען פֿון דיא ארבייטער גוּפֿא; מענשען, וועלכע האבען אליין געארבייט אין פֿאבריק, וועלען זיין אויסערוועהלט אלס רעגירער. געהן אבער אין פֿאבריק ארבייטען און זיין דאצו א רעגיערונגס מאן וועט דאך אזא איינער ניט קענען; ער וועט דאך מוזען אפּ־געבען זיין צייט אויף רעגיערונג ביזנעס. נון, דערמיט אליין הערט ער דאך שוין אויף צו זיין אן ארבייטער; ער איז אן אפּיסער, א רעגיערונגס מאן, אדער רופֿט איהם וויא איהר ווילט. ער הערט שוין אבער אויף צו געהערן צו דער אר־בייטער קלאסע; ער ווערט דורך זיין בעשעפֿטיגונג אנאנדער קלאסע מענש.

מען ענטפֿערט דערויף געוויינליך, אז ווען אפֿילו דיעזע מענשען וועלען ניט פּראדוצירען מאטעריעל, וועלען זיי דאך יעדענפֿאלס טאהן א ניצליכע ארבייט; זיי וועלען ארבייטען צום וואהלזיין און פֿארן פֿארטשריט פֿון דער געזעל־שאפֿט. דאס איז דאך אבער נור א דריידעל. וואס איז דיא פעולה אראפצו־וואַרפֿען איין הער־שער־קלאסע, ווען מען שטעלט אוועק אנאנדער הערשער קלאסע אויף איהר פלאץ? איז דאס פֿארטשריט?

מיינט מען דען אז דיא אורזאכע פֿון דער מאסען־ארמוטה יעצט איז בלויז דאס וואס עס איז דא נור א קליינע צאהל מענשען בעזיצענדע און ארבייטס־געבער? ויען מען מיינט אזוי, איז דאס א גרויסער טעות. דיא צרה ליגט יעצט ניט אזוי אין דעם, וואס דאס אייגענטהום בעלאנגט נור

צו עטליכע מענשען, וויא הויפּטזעכליך דעריין, וואס דיעזע קליינע צאהל בעזיצענדע פֿאדערט אזא סיסטעמע פון ארגאניזאציאן, אין וועלכע עס איז דא אן אונגעהייערע צאהל פֿון אונניצליכע בעשעפֿטיגונגען, א גאנצע מאסע פֿון אומזיסטע פֿרעסער, וועלכע דיא ארבייטער, דיא פראדו־צירער, דארפֿען פֿארזארגען מיט אלעם נויטיגעס. דאס אלעס איז נויטיג אום אויפֿצוהאלטען אזא געזעלשאפֿט, אין וועלכע עס איז דא א קליינע צאהל אייגענטהימער.

פֿיהרט נור איין א געזעלשאפֿט, וואו א געוויסע צאהל מענשען וועלען ניט דארפֿען פראדוצירען; זיי וועלען נור זיין א קלאסע פֿערוואלטער, רעגיערער, רעגולירער, אפֿיסערס, קאמיסיאנערן, א. ז. וו., וועט עס אויך פֿאדערן א גאנצע צאהל אנדערע סארטען מענשען, פֿערמיטלער, מענשען מיט פֿארשיעדענע בעשעפֿטיגונגען, אבער אומ־זיסטע פרעסער, וועלכע וועלען מוזען פון דיא ארבייטער אויפֿגעהאלטען און בעזארגט ווערן. דאן האט איהר ווידער דיא איבעל פֿון דער היינטיגער געזעלשאפֿט. גלייכע אורזאכען ברייג־גען אימער צו דיעזעלבע פֿאלגען.

וואס פֿאר א זינען קענען האבען דיא ווערטער „א רעגיערונג פֿון דער ארבייטער קלאסע", אויב א כאציאלע רעוואלוציאן זאל זיין דורכגעפֿיהרט מיט דעם צוועק, דאס אלעס — לאנד, מאשיענעריע און אלע רייכטהימער, וואס דיא מענשהייט האט ערווארבען דורך פֿיעלע דורות פֿון שווערע ארבייט — זאל בעלאנגען צו א ל ע מ ע ן? שוין מיט דעם אקט אליין ווערן דאך פֿארניכטעט דיא קלאסען אין דער געזעלשאפֿט, טא וואס איז שייך

דאן אן ארבייטער קלאסע, אדער א רעגיערונג פון ארבייטער קלאסע? דאס אליין ציינט שוין אונז, אז פון דיזע ווערטער, פון דיזער פראזע, וועלכע מען ווארפט צו דער מאסע, קען מען קיין אנדער שלוס ניט ציהען, וויא דעם וואס מיר האבען פריער געוויזען.

מאנכע ענטפערן אונז אזוי צו זאגען: אזוי וויא עס וועלען דאך נאך דער רעוואָלוציאן פער־בלייבען מענשען פון דער בורשואזיע, וועלכע וועלען זיין אונצופרידען מיט דיא נייע פערהעלט־ניסע; זיי וועלען ווינשען איינצופיהרען צוריק דאס אלטע, זיי זאלען האבען ווידער פריווילעגיען און קענען באַסעווען וויא זיי זיינען געוויינט געווארען אין דער אלטער געזעלשאפט. און דערפאר דארף מען האבען א רעגיערונג פון דער ארבייטער קלאסע, וועלכע זאל אונטערדריקען אזעלכע בעשטרעבונגען אין דער געזעלשאפט נאך דער רעוואלוציאן. אללרייט, דיא רעגיערונג וועט אלזא האבען איהר אויפגאבע צו פייטען געגען דיא אונצופרידענע, וועלכע וועלען טרייבען דיא געזעלשאפט ריקווערטס; אבער דאן זייט איהר אויך ניט זיכער, אז דיא רעגיערונג וועט ניט אונטערדריקען אלע יענע אונצופרידענע, וואס וועלען ווינשען צו שטויסען דיא געזעלשאפט פארווערטס; א רעגיערונג איז א מעסער מיט צוויי שארפען.

און דערפאר זאגען מיר, אנארכיסטען, אז אזא דיקטאטארישע מאכט איז צו געפעהרליך. מיר פערלאנגען פאלקאמע פרייהייט, ווייל מיר זיינען דער מיינונג, אז דיא עטליכע אפגעזאנ־דערטע מענשען, וועלכע וועלען שטרעבען צו

דאס אלטע, קענען ניט זיין קיין געפֿאהר פֿאר א געזעלשאפֿט, אין וועלכע זיי וועלען ניט האבען די מיטלען צו עקספּלואטירען די איבעריגע. די מיטלען, מיט וועלכע זיי זאלען קענען עקספּלואטירען זייגען קאפּיטאל, פּריווילעגיען און רעגיערונג, איז דאס ניטא אין דער געזעלשאַפֿט איז ניטא פֿאר זיי וואס מורא צו האבען. ווען אבער איהר שטעלט אוועק א רעגיערונג, אן אויטאריטערע מאכט אן דער שפּיצע פֿון א נייער געזעלשאפֿט, דאן איז ווירקליך דא פֿאר וואס מורא צו האבען, דען עס זייגען דא די מיטלען צו עקספּלואטאציאן און אונטערדריקונג.

פֿערגעסט ניט נאך וואס, אין דער צייט ווען איהר ווילט איינפֿיהרען אייער קאלעקטיוויזמוס איז דא אין דער געזעלשאפֿט די שטרעבונג צום קאמוניזמוס. דאס איז א שטרעבען צו ארגאניזירען זיך אין אונאבהענגיגע גרופּען. ווילט איהר דורכפֿיהרען דעם קאלעקטיוויזמוס אלס אן איינציגע סיסטעמא פֿון ארגאניזאציאן, דאן שאפֿט איהר שוין אונצופֿרידענע מענשען, איהר רויבט פֿון דיזע מענשען זייערע האפֿענונגען, איהר הינדערט זיי אין זייער שטרעבען, וועהרענד איהר שטעלט אוועק אן דער שפּיצע פֿון דער געזעלשאפֿט א קלאסע צופֿרידענע מענשען מיט אייגענע אינטערעסען. פֿאר די אונצופֿרידענע בלייבט דאן ניט קיין פֿרייער אויסוואהל — זיי מוזען פֿיהרען א קאמפּף געגען די צופֿרידענע און איהר האט פֿערפֿערטיגט שטאף פֿאר א נייע רעוואלוציאן.

ווען אבער די מענשען זאלען זיין פֿריי צו ארגאניזירען און גרופּירען זיך נאכ'ן אייגענעם

געשמאק און נאך אייגענע נייגונגען, דאן זייט איהר זיכער, אז דיא גרופען אדער דער מהייל מענשען, וועלכער וועט ניט זיין איינפערשטאנדען מיט דיא איבעריגע, וועלען זיך ארגאניזירען אזוי וויא זיי געפעלט בעסער, וויא פאר זיי איז פאסענדער. דאס וועט אבער ניט שטערן דיא רוהע און דעם פרידען פון דיא איבעריגע, און אין דער געזעלשאפט זיינען ניטא קיינע אורזאכען פאר מלחמות. דאן וואלט דער פראגרעס פון דער מענשהייט זיין א גלייכע רייהע פון ענטוויקלונג צו אלגעמיינעם גליק. און דאס איז דאך צו וואס מיר שטרעבען.

פון אלעם וואס דא איז געוועזען געזאגט פער־שטעהט דער לעזער, אז מיר ווילען ניט צווינגען אנדערע, דאס זיי זאלען טהאן וויא מיר ווילען, זיי זאלען האנדלען נאך אונזער מיינונג. מיר פאדערן נור דאס רעכט אדער, בעסער געזאגט, דיא מעגליכקייט פאר אלע מענשען אויסצואיבען זייערע נאטירליכע רעכטע. מיר פערלאנגען מען זאל לאזען מענשען ארגאניזירען זיך נאך אייגע־נעם געשמאק און נייגונגען.

מיר קעמפפען געגען דער בורזשואזיע, ווייל זיא געבראויכט דיא מאכט, וועלכע זיא האט זיך ערוואָרבען, און דיא עקאנאמישע פערהעלטניסע, וועלכע זיא האט געשאפען, אום אונז צו פער־שקלאפען אזוי אז אונז בלייבט קיין אנדער אויס־גאנג ניט ענטוועדער איינצובויגען דעם קאפף און בלייבען געדולדיגע קנעכט, אדער פארניכטען אלעם דאס וואס מאכט אונז צו זיין שקלאפען.

מיר ווילען אבער ניט אפנעהמען פאר זיך דאס אייגענטהום, וועלכעם דיא בורזשואזיע

בעז־צט, אזוי וויא זיא, דיא בורזשואזיע, האט עס געטאהן אין 1789 מיט דעם פערמעגען פון דיא גייסטליכע און אריסטאקראטיע. ווען מיר ווילען אפנעהמען דאס אלעס פון דער בורזשואזיע איז דאס מיט דעם צוועק צו לאזען עס פריי פאר אלעמען — אלע, אהן אויסנאהמע, זאלען האבען דאס רעכט צו בעטהייליגען זיך אין אלעס וואס עס איז דא. אום דאס אויסצופיהרען זיינען מיר געצוואונגען צו געברויכען מאכט, צו אנווענדען געוואלט. דיזע מאכט איז אבער ניט דיא מאכט פון אויטאריטעט, ניט דיא געוואלט פון א רעגיע־רונג, זאנדערן דיא מאכט פון'ם שטרעבען צו פרייהייט — מיר ברעכען דיא קייטען אין וועלכע מ'ר זיינען געשמידט.

IV.

עפענטליכע ארבייט און פוילענצער.

דיא מענשען וואס בעהויפטען, אז מען וועט אין א קיפּטיגער געזעלשאפט דארפען האבען א גאנצע סיסטעמע וויא צו פארטהיילען דיא פּראדוקטען, זאגען, אז דאס וועט זיין נוטיג דערפאר, ווייל עס וועלען נאך דער רעוואלוציאן זיין וועניג פּראדוקטען צו בעפרידיגען דיא פיעלע בעדירפניסע און פאדערונגען פון אלעמען. און דעריין מאכען זיי א גרויסען פעהלער. אפילו איצט, ווען עס איז אזא פוסטקיים און וויסטעניש איבעראל; פעלדער בעטען זיך פּראכט מען זאל זיי בעארבייטען, גאנצע שטיקער לאנד געהן אין ניוועץ, מאשינען ווערן פערראסט, און אלעס דערפאר ווייל דיא ספעקולאנטען רעכנען אוים, אז אזא אונטערנעהמונג וועט ניט ברייגגען גענוג פּראפיט פאר דיא געלד וואס זיי דארפען אריינלייגען צו בעארבייטען און אויסבעסערן דעם שטיק לאנד, אדער אנווענדען דיא און דיא מאשינען א. ז. וו., פון דעסטוועגען שטייגט דיא פּראדוקציאן איבער דיא קאנסומציאן. מיליאנען מענשען ווערן א־בייטסלאז, דער צאהל זייערער שטייגט פון טאג צו טאג, ווייל עס איז פּראדוצירט געווארען מעהר וויא דער יעצטיגער געברויך איז. היינט וויא איז שוין אין א פרייער געזעלשאפט, וואו קיין פּראפיט מאכעריי איז ניטא; עס וועט זיכער נישט פעהלען קיין זאך.

נון וועט מען זאגען, אז איצט געברויכט מען טאקע ווענינ, ד. ה. דיא גרויסע מאסע פֿון פֿאלק געניסט טאקע ניט אלעס וואס זיא דארף אייגענט־ליך געניסען. יא, דאס איז אמת. שטעלט זיך אבער פֿאר דיא אלע מיליאנען ארבייטסלאזע, וואס בעטען רחמים און ווילען וואס טהאן אום א לעבען צו מאכען, זאלען ארבייטען; שטעלט זיך פֿאר, אז דיא גאנצע ארמעע פֿון מיליטער, פאליציי און אלע דיא יעצט בעשעפֿטיגטע טויזענ־דער רעגיערונגס בעאמטע זאלען אויך צו לייגען זייערע הענד עטוואס ניצליכעס צו שאפֿען; שטעלט זיך פֿאר דיא מאסען מענשען, וועלכע זיינען איצט בעשעפֿטיגט מיט האנדעל, מיט שאכער־מאכערסטווא, זאלען פראדוציירען דאס וואס עס איז נויטיג פֿאר דער געזעלשאפֿט; שטעלט זיך פֿאר דיא אונגעהייערע צאהל פֿון לאקייען, דינער און קנעכט, וועלכע האבען איצט נור אן עסק צו בעפֿרידיגען דיא קאפריזען פֿון רייכע הערען, זאלען בעכער אויך טהאן פראדוקטיווע ארבייט; און שטעלט זיך נאך דעם פֿאר, ווען קיין מאנאפאליכטען וועלען ניט זיין, דען קיינער וועט קיין אורזאכע ניט האבען צו מאנאפאליזירען צ. ב. ש. טויזענד אקער לאנד, אדער אנדערש וואס — אלע האבען דיא מעגליכקייט צו בעטהיי־ליגען זיך אין דער ארבייט און צו געברויכען דיא מאשינען און דיא כעמישע מאטעריאלען אויסצו־בעסערן דיא פֿעלדער, און ביי אלע דיא פֿאר־שריטע פֿון טעכניק און קונסט — קענט איהר דען גלויבען אז דאן זאלען דיא מענשען ניט אים שטאנדע זיין צו פראדוצירען גענוג פֿאר זייער געברויך? עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען מיר

װעלען זאגען, אז צו בעפֿרידיגען דיא מענשליכע בעדירפֿניסע װעט זיין געװיס גענוג אין אזא פֿרייער געזעלשאפֿט.

בעזאנדערנס װילען אנדערע אנדייטען דערויף, אז עס זיינען דא פּראדוקטען, פֿון װעלכע עס קען ניט לייכט און פֿיעל געשאפֿען װערן, װיא צ. ב. ש. זייד, אדער אנדערע אזעלכע פענסי ארטיק־לען. מיר דיינקען אבער אז עס איז א נארישקייט איבער דעם לאנג צו פֿערברייטען זיך מיט ארגומענטען. דיינקט מען דען װירקליך, אז מענשען, װעלכע האבען פֿון זיך אראפּגעװארפֿען דיא לאסטען פֿון דער היינטיגער געזעלשאפֿט: מענשען, װעלכע װעלען שוין פֿארשטעהן דיא אורזאכען פֿון דער פערגאנגענער שקלאַפֿעריי; מענשען, װעלכע זיינען שוין אינטעליגענט גענוג צו שעצען פֿרייהייט, װעלען אויף זיך ארויפֿזע־צען אן אויטאריטערע מאכט, כדי זיי זאלען זיך ניט צורייסען און צו בייסען ביי דעם פֿערטהיילען פֿון פענסי ארטיקלען? — דומהייטען! װייניגסטען אויף אזוי פֿיעל קען מען דאך זיכער זיין, אז אזעלכע זאכען װעלען פרייע און ענטװיקעלטע מענשען קענען איינארדענען אויפֿ׳ן פֿריינדליכען װעג און װעלען ניט דארפֿען האבען אן עקסטרא אויטאריטערע מאכט, װעלכע זאל ענטשיידען, װעמען עס קומט מעהר און װעמען װייניגער פֿון אזעלכע פענסי ארטיקלען, װען מיר װעלען שוין צו געבען אז מען װעט זיי ניט קענען שאפֿען גענוג.

דיא קאלעקטיװיסטען געברויכען נאך דיא װערטער „פּובּליצנע ארבייט״, „עפֿענטליכע ארבייט״. זיי געברויכען דאס, דוכט אונז, אלס א טאקטישען

מיטעל. אונטער עפּענטליכע ארבייט ווילען זיי פּערשטעהן אזעלכע איינריכטונגען וויא טעלע־גראף דעפּארטאמענט, פּאסט אפּיס, רייללראודס א. ז. וו.. אלעס אזעלכע ארבייט, וואס בריינגט קיינע פּראדוקטען ניט, וועלכע מען זאל קענען א וועקלייגען אין א פּובליק סטאר. דיא קאלעקטי־וויסטען זאגען, אז דיא וואס ווער׳ן זיין בעשעפּ־טיגט אין אזעלכע ארבייט וועלען דארפען קריגען געהאלט און פאר דיזען געהאלט זאל מען פון דיא איבעריגע ארבייטער, וועלכע שאפען פּראדוקטען, אראפּנעהמען א געוויסע טהייל פון׳ם ארבייטס־פּרייז, כדי צו דעקען דעם געהאלט פון דיא וואס זיינען בעשעפטיגט מיט דיא „עפּענטליכע ארבייט“. מיר וועלען וועגען דעם לאנג ניט ריידען. מיר ווילען נור בעמערקען, אז אראפּ־רעכענען פון ארבייטס־פּרייז הייסט איינפאך גריי־דען א סיסטעמע פון טעקסעס צאהלען, נור אונטער אנ׳אנדער נאהמען. צווייטענס, מיט דעם וואס מען מאכט אן אונטערשיעד צווישען ארבייטער, וואס פּראדוצירען און ארבייטער, וואס זיינען בעשעפּטיגט מיט עבען אזא ניצליכע ארבייט, נור זיי מאכען ניט קיין פּראדוקטען וועלכע מען קען האלטען אין האנד, גיט מען דיא מעגליכקייט אונטער דיא עפענטליכע ארבייטען צו רעכענען אויך דיא פערשיעדענע אפיסערס, וועלכע דיא קאלעקטיוויסטען האלטען פאר נויטיג צו האבען, און צו פערגלייכען אזעלכע אפיסערס מיט דיא וועלכע עס זיינען בעשעפטיגט אין א טעלעגראף דעפּארטאמענט און עהנליכע נויטווענדיגע ארביי־טען פאר דער געזעלשאפט.

דערפֿאר זאגען מיר, דאס אלע וואס שאפֿען ניצליכעס פֿאר דער געזעלשאַפֿט, סיי אין פראדו־צירען, סיי און דיא מיטלען פֿיר טראנספאָרטירען ארטיקלען, אדער אירגענד עטוואס אנדערס, אבער אלץ אזעלכע ארבייט וואס עס ברייננט עטוואס דער געזעלשאַפֿט, וואס איהר איז נויטיג, זיינען גלייך און זיינען אלע בערעכטיגט צו געניסען וויפֿיעל און וואס זיי ווילען פֿון דער געזעלשאַפֿט. אבער קאמיסיאנען, אַפּיסערס און נאך אזעלכע זיינען פֿאר א פֿרייע געזעלשאַפֿט ניט נויטיג, און דער נאמען „עפֿענטליכע ארבייט" איז א גאנץ איבעריגע זאך. עס איז דא ניצליכע ארבייט און ניט ניצליכע, אבער אין ניצליכע ארבייט גופֿא איז ניטא קיין אונטערשיעד וואס פֿאר אן ארבייט דאס איז.

יעצט א פאר ווערטער וועגען דעם מורא האבען פֿאר פֿוילענצער; דאס ווערט אויך געברויכט אלס אן ארגומענט געגען דעם קאמוניזמוס. ווען מענשען, זאגט מען אונז, וועלען האבען דיא פֿרייהייט צו נעהמען פֿון דיא געזעלשאַפֿטליכע מאגאזינען אלעס וואס זיי וועלען געברויכען, ניט קוקענדיג דערויף, צו זיי האבען עטוואס ביי־געטראגען דער געזעלשאַפֿט אדער ניט, וועלען זיך געפֿינען פֿיעלע וואס וועלען ניט א ריהר טאהן מיט א פֿינגער, און זיי וועלען פֿאלען אלס לאסט אויף דיא איבעריגע. און ווער איז דאס מחויב צו ארבייטען, זאגען זיי, פֿאר אזעלכע פֿוילענצער?

דערויף ענטפֿערן מיר, אז דער הויפט פֿעהלער ליגט דעריין, וואס מען קוקט אויף א קינפֿטיגער געזעלשאַפֿט מיט דיא זעלבע אויגען, וויא מען קוקט אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט. ווען מען

האט אזא פֿאלשען בליק אויף א פֿרייער געזעל־שאַפֿט, נאטירליך, איז זיך גאר שווער צו פֿארמור־לירען א רעכטע אידעע, וואס אין אזא געזעלשאַפֿט וועט זיך פֿאדערן, וויא זיא וועט אויסזעהען און וואס אונגעפֿעהר פֿאר א סארט מענשען דאן קענען זיין.

מיר ווייסען אבער, מיט וואס עס שמעקט צו זיין אן ארבייטער אין דער היינטיגער געזעל־שאַפֿט: וויפֿיעל שעה אין טאג דער ארבייטער הארעוועט איצט, ביי וועלכע פֿערהעלטעניסע מען ארביים, דעם טרויעריגען לעבען וואס מען מאכט פֿון דער ארבייט, און אז דער מענש איז גע־צוואונגען צו ארבייטען ניט ביי דעם, צו וואס ער פֿיהלט זיך פֿעהיג, אדער צו וואס ער האט א נייגונג, צו וואס ער האט א טאלאנט א. ז. וו., זאנדערן ער טהוט נור דאס, צו וואס זיין שיקזאל האט איהם געצוואונגען. ביי אלע דיזע פֿערהעלטעניסע זעהען מיר פֿון דעסטוועגען ניט קיין מענשען, וועלכע זאלען בעסער שטארבען פֿאר הונגער איידער ארבייטען; גראדע פֿאר־קעהרט, מענשען וואנדערן פֿון שטאדט צו שטארט זוכען ארבייט, ווייל דיא ארבייט גיט זיי א מעגליכקייט כאטש א טרויעריגען לעבען צו מאכען. היינט אין א פֿרייער געזעל־שאַפֿט, וואו מענשען זיינען פֿריי צו אויסוועהלען וועלכע ארבייט זיי געפֿעהלט, וואו קיין רייזיקא וויא יעצט ביי דער ארבייט איז ניטא, וואו דער מענש וועט זיין דער בעל הבית אויף דער ארבייט, וואו, מיט אייןווארט, עס וועלען ניט זיין דיא אלע טרויעריגע פֿערהעלטניסע, מיט וועלכע אר־בייט איז יעצט פֿארבונדען, קען מען זיך דען גאר

פֿארשטעלען, אז מענשען וועלען קיין זאך ניט וועלען טאהן און וועלען בעסער אויסגעהן פֿריי פֿאר הונגער? דאס איז אַן אבסורד!

וואס דען, טאמער וועלען זיך געפֿינען אלס איינאהמע אייניגע פֿערדארבענע, וואס וועלען קיין זאך ניט־וועלען טאהן? נון, זאל מען איבער דעם גרינדען א צוואנג סיסטעם אפֿשר? זאל מען בערופֿען מענשען און מאכען זיי פֿאר סיסטעמא־טישע, געזעצליכע פֿוילענצער כדי זיי זאלען צווינ־גען דיא פֿוילענצער ניט צו פֿוילען זיך? אין א קאלעקטיוויסטישער געזעלשאפֿט וועלען מענשען וואס פֿוילען זיך ארבייטען ניט האבען קיין רעכט צו געניסען. וואס זשע וועלען זיי טאהן? זיי זיינען דאך פֿערדארבען, זיי זיינען דאך פויל צו דער ארבייט און עסען ווילען זיי. זיי וועלען אלזא זיין געטריעבען צו בעגעהן פֿארברעכען, וויא גנב'ענען, מארדען, נור א לעבען צו מאכען ניט ארבייטענדיג. דאן דארפֿט איהר שוין אין א קאלעקטיוויסטישער געזעלשאפֿט האבען פאלי־ציי, וועלכע זאלען אויסהיטען, אז אזעלכע פֿער־ברעכען זאלען ניט פֿארקומען; איהר דארפֿט ריכטער, וועלכע עס זאלען משפט'ן מענשען פֿאר אזעלכע פֿערברעכען; איהר דארפֿט האבען גע־זעצע, נאך וועלכע דיא ריכטער זאלען משפט'ן; איהר דארפֿט האבען געזעצגעבער, געזעצמאכער, איהר דארפֿט האָבען געריכטסהייזער, איהר דארפֿט האבען טורמעס, פריזאנס און שומרים אין דיעזע אלע אנשטאלטען; איהר וועט דאן מוזען האבען פראפֿעסיאנעלע אדוואקאטען— איהר וועט דאך ניט זיין אזוי פֿערדארבען צו משפט'ן מענשען און ניט געבען זיי א רעכט צו

האבען א פֿארטהיידיגער. קורץ און גוט — איהר דארפֿט האבען א גאנצע ארמעע פֿון טויגע־ניכטסען און טהוע־ניכטסטען צו בעשטראפֿען אנדערע טויגעניכטסטען. און אנשטאט צו קאר־מענען נור עטליכע מענשען, וואס ווילען זיך פֿוילען ארבייטען, וועט איהר דארפען אויפֿהאל־טען גאנצע ארמעען פֿון געזעצליכע פֿוילענצער. און דיא אונגעזעצליכע פֿוילענצער וועט איהר ערשט מוזען קארמענען. איהר וועט דאך זיי ניט אויסשטיקען מיט איין מאל. בעטראכט דאס גוט און איהר וועט זעהען, אז איהר האט דא ווידער דיא היינטיגע געזעלשאפֿט מיט אַלע איהרע קליפערלעך. לוינט עס דען ניט בעסער פֿאר דער געזעלשאפֿט ווייניג אכטונג צו צאהלען אויף דיא מענשען, וואס ווילען זיין פֿויל צו ארבייטען? זאלען זיי עסען, זאלען זיי טרינקען — זיי וועט מיאוס ווערן ארומצוגעהן ליידיג.

פֿערגעסט נאך ניט, אז אין יעדער מענשען געפינט זיך א נייגונג צו טהעטיגקייט; דאס איז א נאטירליכע פֿאדערונג אין מענשען. ער מוז עטוואס טאהן, און ווען דיעזער טאהן זיינער וועט זיין אזוי וויא איהם איז ליעב, וועט זיך קיין מענש דאן ניט פֿוילען. ווען עס ווילען טרעפֿען אזעלכע, וועט זיין איין אויסנאהמע, און ווען איהר לאזט זיי פֿריי געניסען, דאן זייט זיכער, אז זיי ווילען זיך שעהמען ארומצוגעהן שטענדיג מיט דיא הענד אין דיא פאקעטס, וועהרענד אלע מענשען ארבייטען פֿלייסיג. עהרען־געפֿיהל געפֿינט זיך אין א פֿרייען מענשען, ניט אין א שקלאף, און אין א פֿרייער געזעלשאפֿט, וואו מען וועט זיין א שלעכטע מיינונג איבער אזעלכע פֿוילענ־

צער, וועט דאס אליין זיין געניגענד, זיי זאלען
אויך וועלען זיין ניצליכע מענשען אין דער
געזעלשאפט.

V.

ערציהונג און איבערגאנגס פעריאדע.

„וויא, איהר פערלאנגט, אז גלייך נאך דער רעוואלוציאן זאלען זיך מענשען ארגאניזירען אין פרייע גרופען? דאס איז אן אונמעגליכע זאך. דיא מענשען זיינען פערדארבען דורך זייער געגענ־ווערטיגע, שלעכטע ערציהונג, דורך דיא ירושה פון דורי דורות, וועלכע האבען אין זיי ערצויגען אבער־גלויבען, גראבע געפיהלען, זיי זיינען איצט פארגרעבט, קארופט, זיי האבען קיין שכל ניט, זיי זיינען ניט גענוג ענטוויקעלט, זיי זאלען קענען לעבען פאלקאם פריי גלייך נאך דער רעוואלו־ציאן".

דאס זיינען דיא טענות, וועלכע מיר הערען זעהר אפט פון דיא קאנסערוואטיווע סאציאליסטען, און הערט זייער איינפאל— מענשען זיינען אזוי פערדארבען, אז זיי וועלען ניט האבען קיין שכל צו קאנטראלירען זייערע אייגענע אינטערעסען. נון, וואס זשע איז דיא עצה דערצו? זיי זאלען זיין קאנטראלירט פון אנדערע. מיינט איהר אפשר, פון אנדערע מלאכים? ניין— פון אנדערע מ ע נ־ש ע ן! אבער, סטייטש, איהר זאגט דאך, אז מען דארף מורא האבען פאר דיא היינטיגע מענשען, זיי זיינען גראב, קארופט, פערדארבען דורך דער ירושה פון לאנגע, לאנגע דורות א. ז. וו., טא וויא זשע קען מען זיי אנפערטרויען צו קאנט־ראלירען דיא אינטערעסען פון'ם כלל? נור ניין—

זאגען זיי אייך — עס וועלען זיין אויסערוועהלט די בעסטע, די אינטעליגענטסטע, די קליגסטע, אויף זיי וועט מען זיך קענען פֿארלאזען.

ווער זשע וועט עס זאגען מבינות אויף זיי? איהר וועט זיך דאך ניט פֿערלאזען אויף זייערע אייגענע מבינות — יעדערער האט וועגען זיך א גוטע מיינונג, בעזאנדערנס, ווען עס האנדעלט זיך אום דעם, א קאכלעפֿעל צו זיין אין קהל׳שען טאָפּ —, זיי וועלען, וואהרשיינליך, זיין אויסגעוועהלט פֿון׳ם כלל, פֿון אלע מענשען. דער כלל איז דאך אבער דום, אונערצויגען, קארופט, פֿערדארבען און האט קיין שכל ניט, וויא אזוי זשע וועלען אזעלכע דומע אונערצויגענע מענשען האבען שכל אויס־צורוועהלען די בעסטע און די עדעלסטע פֿון די אלע אינטריגאנטען, וואס וועלען קענוועסען צו קריגען א מאיאריטעט? א נאר קען קיין מבין ניט זיין אויף יענעמ׳ס חכמה, אן אונוויסענדער קען ניט מעסטען יענעמ׳ס בילדונג, א גראביאן קען ניט שעצען איידעלקייט. ווייס מען דען נישט, אז אן אונוויסענדע מאסע וועט אימער וועהלען גיכער א שארלאטאן, א מארקשרייער, א בעריהמער, א חוואכטון, וואס קען מאכען פֿון זיך א גאנצען וועזען, איידער אן איידעלען, שטילען, רוהיגען און אנשטענדיגען מענשען, וועלכער וועט ניט געהן מיט גלעקלעך אויסקלינ־גען פאר זיך א שם?

מיר זעהען אלזא, אז דיעזע זאגענאנטע סאציאליסטען האבען זיך געשטעלט אויף א פֿאל־שען באדען. די פֿאלשקייט בעשטעהט אין דעם פֿאראורטהייל, וואס מען האט איינגעפרעגט דער מאסע מענשען אין די מוחות, אז זיי קענען

זיך אליין ניט קאנטראלירען. דאס איז א פאר־
אורטהייל, אן אבערגלויבען וויא אלע אנדערע
פאראורטהיילע, נור געפעהרליכער פון אלע
אנדערע. אנשטאט אבער צו ערקלערן מענשען
אז דאס איז בלויז א פאראורטהייל, אנשטאט אפ־
צוראמען דיעזען אבערגלויבען פון פאלק און
צייגען איהם, אז ער האט זיך ניט צו שרעקען
פאר זיך אליין, אז ער דארף ניט מורא האבען
פאר זיין אייגענע פרייהייט, האבען דיעזע סאציא־
ליסטען אנגעטאהן דיזעלבע אבערגלויבישע שפא־
קולען און וויא אלע אונזערע אלט־פריינקישע
מלמדים לעהרנען זיי דאס פאלק, ער זאל מורא
האבען פאר זיין אייגענע פרייהייט, ער זאל זיך
שרעקען פאר זיך אליין. איהר קענט רופען אזעלכע
מלמדות וויא איהר ווילט— דאס איז אבער ניט
פארטשריט, דאס איז, וויא מען זאגט, דיא אלטע
מכשפה נור אנדערש געשלייערט.

מיר ווייסען, דאס עס זיינען ניטא קיין
אלל־וויסענדע, אלל־גיטיגע פערזאנען. וויא ווייט
און וויא ברייט דער איינצעלנער מענש זאל זיך
ניט זיין ענטוויקעלט, אין יעדען איינעם איז
אבער דא א וועלכע עס איז שוואכע זייט, וועלכע
קען אמאל דעם ענטוויקעלטסטען מענשען פאר־
פיהרען אין אלל דיא שווארץ־יאהר. עס איז ניטא
אזא מאן און עס זיינען ניטא אזעלכע איינצעלנע
מענשען, וואס זאלען בעזיצען דיא וויסענשאפט
און דיא אינטעליגענץ פון דער גאנצער מענשהייט.
דיעזע וויסענשאפט, דיעזע אינטעליגענץ איז
אבער דא, זיא איז צוטהיילט אונטער דיא גאנצע
מענשהייט, זיא איז דא אין כלל. דיעזע וויסענ־
שאפט פון אלעמען קען נור דאן ערשיינען אין

פֿולען גלאנץ און ברייננגען נוצען, ווען יעדער איינער האט דיא פרייהייט און דיא מעגליכקייט בייצוטראגען דאס וויניגע אזוי וויא ער וויים און וויא ער פֿארשטעהט. דאס איז נור מעגליך דאן, ווען דיא מענשען וועלען זיך פֿריי גרופירען און פֿריי ארגאניזירען. ווען עס וועלען דאן געמאכט ווערן פֿעהלערן וועלען זיי זיך מיט דער צייט דורך אלעמענס פראקטיקע אימער מעהר אויס־בעסערן.

עס איז דאך ווירקליך דום איינצושמועסען זיך, אז דיא מענשען זיינען ניט אים שטאנדע נאכצופֿאלגען זייער אייגענעם פֿארטשריט, אז מען דארף פֿערצאמען און אפהאלטען דעם פראגרעס, ווייל דיא מענשען זיינען נאך ניט צייטיג, ניט ערצויגען גענוג צו געהן צוזאמען מיטן פראגרעס. הערט א משוגעת— מאכען דיא מענשען אונפֿריי, ווייל זיי זיינען נאך ניט פֿריי גענוג צו זיין פֿריי. דאס וואלט געווען לעכערליך, ווען עס וואלט ניט געווען אזוי טרויעריג. דאס איז טרויעריג דערפֿאר, ווייל דאס איז דיא אייגענ־שאפֿט פֿון דער לאנגער קייט פֿון שקלאפֿעריי— טויזענדער יאהרען וויא מען שמועסט איין דיא מענשען, אז זיי זיינען נאך ניט פֿעהיג צו זיין פֿריי, און וויא באלד זיי זיינען ניט פֿעהיג צו זיין פֿריי מוזען זיי זיין געהארכזאמע שקלאפֿען, וויא לאנג זיי זיינען געהארכזאמע שקלאפֿען זיינען זיי ניט פֿעהיג צו זיין פריי, זיינען זיי פערגרעבט, וויא לאנג זיי זיינען פֿערגרעבט און ניט פֿעהיג צו זיין פֿריי מוזען זיי זיין געהארכזאם, מוזען זיך לאזען פֿיהרען, מוזען זיי זיין פֿערשקלאפֿט א. ז. וו.— דאס איז דיא אלטע, אלטע הערשער־

ליעדלע, וועלכע דיא קאנסערוואטיווע כאציא־
ליםטען שפיעלען יעצט אלס א פרייהייטס
מארש.

דיזע כאציאליסטען האבען גע'ירש'נט פון
דער בורזשואזיע נאך א מיטעל וויא צו ארגומענטי־
רען געגען אונז. ווען איהר דריקט זיי שטארק
צו צום וואנד און זיי האבען זיך ניט וויא אויס־
צוקירעווען, ווערן זיי אויך אזעלכע פרייהייט'ס
און גלייכהייט'ס ליעבענדע מענשען פונקט אזוי
וויא דער אנארכיסט, און זיי ענטפערן אייך:
„דער אנארכיזמוס איז זעהר אן ערהאבענע אידעע,
מען דארף געווים שטרעבען דאצו אז דיא
מענשען זאלען זיין פאלקאם פריי און פאלקאם
גלייך; קיינע הערשער, קיינע אונגלייכהייט און
קיינע טהיילענעש אין דיא פראדוקטען; מיר
מוזען דאך אבער בעטראכטען דיא מענשען אזוי
וויא זיי זיינען, וויא מיר זעהן זיי און ניט אזוי
וויא מיר וואלטען וועלען זיי זאלען זיין; מאלע
וואס מיר וואלטען וועלען, טהאטזעכליך אבער
זיינען דיא מענשען ווייט פון אייערע אידעען.
פרובירט לאזען דיא מענשען, זיי זאלען האנדלען
אזוי וויא איהר ווילט, וועט איהר זעהען, אז דיא
מאיאריטעט וועט זיין ג ע ג ע ן אייך, ווייל זיי
פארשטעהן עס נאך גאר ניט צו שעצען. ווען
מענשען וועלען שוין זיין גענוג אינטעליגענט צו
האלטען טהייער דעם צווייטענס פרייהייט, ווען
זיי וועלען האבען גענוג פראדוקטען צו בעפרידי־
גען יעדענס פארערונגען, דאן וועט ערשט מעג־
ליך זיין צו דערגרייכען צו דער שטופע, וועלכע
איהר פארלאנגט, וועלכע איז טאקע ווירקליך
גערעכט און ערהאבען און וועלכע מיר ווינשען

אזוי גוט וויא איהר. מען קען דאך אבער ניט שפּרינגען, מען מוז געהן בהדרגה. אום אריבער צו־געהן פון דער פערשקלאפּטער געזעלשאפט אין אזא פרייער געזעלשאפט, וויא איהר שטעלט זיך פאר, מוז מען דאך איבערלעבען אדער דורכגעהן אן איבערגאנגס שטופע. מען קען דאך ניט גלייך נאך דער רעוואלוציאן אריינשפּרינגען אין אנארכיסטישען קאמוניזמוס. גלייך וויא דער קאמפּף האט זיך געענדיגט מוז מען דאך וועהען מאכען א שטיקעל טאלק, איינפיהרען אן ארדנונג, פארטהיילען דיא ארבייט, זעהן אז עס זאל ווערן געשאפט נענוג, וויפיעל דיא מענשען געברויכען צו בעפרידיגען זייערע פאדערונגען. דערנאך, ווען דיא מענשען ווילען זיך איינלעבען וויא עס דארף צו זיין, ווען עס ווילען זיך אויספיינען זייערע כאראקטערען, ווילען זיי ביסלעכווייס קומען צו פולער פרייהייט און פולער גלייכהייט, פארלויפיג אבער איז דאס אונמעגליך״.

זעהר אפט קומט נאך אונז אויס צו הערן דערצו נאך עפעס, אז א געוויסע נאציאן איז ניט פעהיג נאך איהר טעמפּעראמענט נאך צו לעבען אין אזא געזעלשאפט, וויא מיר פערלאנגען. קומט אויס צוריידען אין פראנקרייך, ענטפערט אונז א פראנצויזישער סאציאליסט, אז דער טעמפּעראמענט פון׳ם פראנצויזישען פאלק איז גראדע אזא, אז פאר איהם איז אונמעגליך צו איינשטימען מיט דיא אידעען פון פולע פרייהייט און פולע גלייכהייט, עס מוז נעהמען צייט, מען מוז געהן שטופענווייס; אין ענגלאנד זאגט מען פונקט דאס זעלבע וועגען דעם טעמפּעראמענט פון׳ם ענגלענדער — פאר אלעמען פאסט עס, נור ניט

פֿאר דעם ענגלענדער, ער מוז זיך גאנץ לאנגזאם ענטוויקלען צו אזא שטופֿע. רעדט איהר אין אמעריקא, זאגט מען אייך, אז גראדע דער אמעריקאנער איז אזא, וואס קען זיך ניט צו פֿאר־סען מיט איין מאל צו א פֿרייער קאמוניסטישער געזעלשאַפֿט. אלע אנדערע פֿילייכט יא, נור דער אמעריקאנער גראדע ניט. אין דייטשלאנד ווידער דאס זעלבע וועגען דעם טעמפעראמענט פֿון׳ם דייטשען פֿאלק.

מיר וועלען אין דיא נעקסטע ארטיקלען ריידען וועגען דער פּוסטקייט פֿון דיזער „איבער־גאנגס פעריאדע״; מיר וועלען ערקלערן וואס מען דארף פֿערשטעהן, ווען מען רעדט וועגען א געזעלשאַפֿטליכע רעוואלוציאן. דערווייל ווילען מיר נור זאגען, אז דיזע אלע טענות זיינע גע־ירש׳נט געווארען פֿון דער הערשענדער קלאסע, וועלכע איז צו שוואך צו בעווייזען אונז, אז אונ־זערע אידעען זיינען ניט קיין גערעכטע, זיא מוז צוגעבען אז אזא געזעלשאַפֿט, וויא מיר פרייריגען, וואלט געווען זעהר גוט, נור מען דארף, זאגען זיי, עס לאזען אויף שפּעטער, אוועק־שטויסען עס אין לאנגען באנק; דערווייל דארף מען הערשען. דיא סאציאליסטען, וועלכע פֿער־לאנגען אין דער ווירקליכקייט ניט מעהר און ניט וועניגער וויא א פּאליטישע רעוואלוציאן, דען דאס זעהט מען דאך פֿון זייער האנדלען, האבען אויך אנגעהויבען צו געברויכען דיזעלבע טענות — עס ווילט זיך הערשען, דארף מען דיא אידעען פֿון א פֿרייער געזעלשאַפֿט אפּלייגען אויף א ווייטער צייט און דערווייל ווערן דיא בעלי בתים איבער׳ן קהל׳שען טאפּ. דאס איז דער עיקר.

VI.

דיא צייט פון קאמפף.

מיר האבען שוין אין איינעם פון דיא פריערדיגע ארטיקלען דייטליך ערקלערט, אז דורך א דיעקרעט נור פון א נייער רעגיערונג וועט מען ניט קענען אפגעהכען דאס אייגענטהום פון דער בורזשואזיע. ווען עס זאל זיין בלויז אן אומוועלצונג פון דער רעגיערונג וועלען זיך דאן בלויז אומבייטען דיא פערזאנען, וואס שטעהען ביים רודער. ווייטער ניט. ווען עס וועט ניט דורכגעפיהרט ווערן א פולע עקאנאמישע אומגעשטאלטונג פון דער געזעלשאפט אין דער צייט פון קאמפף, וועט פון א רעוואלוציאן גארנישט ארויסקומען; ענטוועדער אלעס וועט איינגעפיהרט ווערן צוריק וויא געוועזן דורך א געגען־רעוואלוציאן (קאנטער רעוואלוציאן), אדער דורך דיפלאמאטישע דריידלעך וועט מען מאכען, אז אלעס זאל בלייבען ביי'ם אלטען, און איין מאל איז דיא רעוואלוציאן געוועזן א מיס־ערפאלג וועט שוין אויסקומען לאנג צו ווארטען ביז עטוואס רעכטעס זאל ווידער געשעהען.

מיר קוקען אבער אויף דער קומענדער רעוואלוציאן גאנץ אנדערש; מיר קוקען פיעל ווייטער און ברייטער אויף דעם בעפארשטעהענדען קאמפף. מיר פארשטעהען, אז א סאציאלע רעוואלוציאן קען נישט זיין אויסגעפיהרט וויא א פאליטישע רעוואלוציאן אין א טאג אדער צוויי;

א גנעזעלשאפטליכע אומוועלצונג דארף דויערן א צייט; עס ווענדט זיך אן דער שטארקייט פון דער פראפאגאנדא, וועלכע וועט אנגעפיהרט ווערן, און אן דער צייט, ווען עס וועט אויסברעכען; מען קען מיט בעשטימטהייט ניט זאגען, וויא לאנג עס וועט דויערן. אבער יעדענפאלס דארף עס נעהמען יאהרען.

זיין אזוי נאאיוו און רעכנען, אז דיא בורזשואזיע וועט זיך אזוי לייכט און אזוי גיך אפזאגען פון איהרע פריווילעגיען און וועט זיך גאר איבער דעם ניט אזוי האמפערען, הייסט צו האבען זעהר א ביטערן טעות. דיא ברוטאליטעט, וועלכע דיא הערשענדע קלאסע האט געוויזען ביי אזעלכע רעוואלוציאנען, וואס האבען אין זיך געהאט נור א י י ן טראפען סאציאליסטישעס, צייגט אונז שוין גענוג, וואס פאר א שווערן קאמפף עס וועט אונז אויסקומען דורכצומאכען. מען קען זיך פארשטעלען, וואס פאר א בייסיגע צייגער דיא הערשענדע קלאסע וועט ווייזען, ווען זיא וועט זיין אזוי שטארק אטאקירט, ווען זיא וועט האלטען ביי פערלירען איהר פארמעגען און אלע רעכטע, וואס האבען איהר געגעבען דיא מעגליכקייט צו זיין העכער פון דער מאסע; מען קען זיין זיכער, אז דיא בורזשואזיע וועט געברויכען איהר גאנצע מאכט, זיא וועט אנווענדען אונגעהייערע קראפט, צו פארטהיידיגען איהרע רעכטע און דורכצוזעצען איהר הערשאפט. קורץ, עס איז קיין ספק ניט, אז דיא בורזשואזיע וועט אויכנוצען אלע מיטלען וואס זיא בעזיצט, אום אויסצופיהרען וואס זיא וויל.

מען דארף נאך ניט פֿארגעסען, אז אונזער פראפאגאנדא ווערט ניט אנגעפֿיהרט און וועט ניט קענען אנגעפֿיהרט ווערן אומעטום גלייך, מיט'ן זעלבען ערפֿאלג; זיא קען ניט שטעהן איבעראל אויף דערזעלבער שטופֿע. מען קען דערפֿאר זיכער זיין, אז דיא הערשענדע קלאסע וועט זיך בעפֿעסטיגען אין אזא געגענד, וואו אונזער ארבייט איז געוועזן שוואך, און פֿון דארטען וועט זיין אנגעווענדעט דער גאנצער קאמפף געגען אונז — מען וועט מיט אלע מיטלען זעהען פֿארניכטען אלעס, וואס עס איז שוין אין אנדערע פלעצער פֿון אונז דורכגעפֿיהרט געווארען. און דאן וועט צווישען דיא נייע דורכגעפֿיהרטע איינריכטונגען און צווישען דיא אלטע זיין א לאנגע און א הארטע מלחמה, וועלכע וועט מעגליכער ווייזע דויערען יאהרען לאנג, און ווער וויים? אפֿשר נאך א סך א ליינ־גערע צייט, וויא מען קען זיך פֿארשטעלען.

אונטער דער צייט וועט זיך מוזען דיא ארבייט אזוי איינרעגולירען, אז עס זאל זיין גע־נוג צו בעפֿרידיגען דעם געברויך. נאך אונזער מיינונג וועט עס דורכגעפֿיהרט ווערן דורך דער פערזענליכער אונטערנעהמונג, וועלכע וועט שטויסען צו אלגעמיינע טהעטיגקייט. און אט וויא אזוי —

אין אנפֿאנג, ווען דער קאמפף וועט אויס־ברעכען, וועלען דיא מענשען, דורך דעם פֿער־לאנג צו געניסען אלעס וואס עס איז נויטיג צום לעבען, זיין געדרונגען צו געהן אין דיא וועהר־הייזער נעהמען וואס זיי געברויכען און אין דער זעלבער צייט ארבייטען אלעס וואס זיי געפֿינען

נויטיג פֿאר זיך. אזוי וועלען זיי אנפֿאנגען צו קאנכומירען און צו פראדוציזרען, ניט אפשטע־לענדיג זיך אויף דיא פֿראגען, פֿון וואנען קומט דער פראדוקט, וועלכען מען געברויכט, און וויפֿיעל עס איז דער ווערטה פֿון דעם פראדוקט, וועלכען מען שאפֿט. אלזא, דא איז שוין דער ערשטער אונבעוואוכטער אנשטויס צום אנארכיכטישען קאמוניזמוס. אויב דיא אנארכיסטען, וועלכע וועלען ענטשטעהן פֿון אונזער פראפאגאנדא, וועלען זיין געוואקסען פֿאר זייער אויפֿגאבע, וועלען זיין בעוואוסט אין דעם, וואס זיי האבען צו טאהן, וועלען זיי געווים מיט זייער ביישפיעל וויזען דער מאסע אויף וואס זיא האט צו טאהן: עס וועט זיין געניגענד, אז דיא אנארכיסטען זאלען פראקטיש האנדלען נאך זייערע טהעאריעס און דיא מאסע וועט דיזע איינפֿאכע וואהרהייטען לייכט בעגרייפֿען; דיא מאסע בעגרייפֿט אימער דאס, וואס עס איז אהן דריידלעך, איינפֿאך און גלאט. בעזאנדערנס נאך אין א צייט פֿון רעוואָ־לוציאן, וויא עס איז בעוואוסט, ציהט יעדען איינעם צו א נייע אידעע. און אויף אזא׳ן אופֿן וועט וואקסען שוין דאס בעוואוסטזיין פֿון דער מאסע, און דאס קען זיין שנעלער, וויא דיא ארבייטער זאלען זיך איינגעוויינען צו דיא אפ־שאצונגען פֿון דיא סטאטיסטישע קאמיסיאנען און ביז זיי וועלען „איינשטימען„ מיט דיא „פרייזען, וואס מען וועט ארויפֿלייגען אויף זייער ארבייט און אויף דיא ארטיקלען, „וואס„ זיי געברויכען. זעלבסטפֿערשטענדליך, אז דיא אנארכיסטען דארפֿען זיין בעוואוסט אין זייער אויפֿגאבע און זיין אונגעהייער טהעטיג אין זייער פראפאר־

גאנדא,— אלעס וואס עס קען זיי הינדערן אין דיזער ארבייט, איז דער וואונש פון דיא געוויסע מענשען, וואס ווילען הערשען איבער דער מאסע, און דערפאר דארף זיין פאר דיא אנארכיסטען קלאהר, אין וואס זייער ארבייט בעשטעהט — זיא בעשטעהט איינפאך אין דעם, צו פערהינדערן מיט אלע מעגליכקייט דיא גרינדונג פון א נייער הערשאפט, פון א נייער אויטאריטערער מאכט.

דיא ארטיקלען, וועלכע זיינען ניט נויטווענדיג אויף דער מינוט, וועלכע מען פאדערט ניט גלייך צום געברויך, וועלען זיין אפגעלייגט אין מאגא- זינען, אין ווערהייזער, לאמיר זאגען, אז דאס וועט זיין אזא מין מארקעט, און מענשען, וועלכע וועלען זיין וויליג און וועלען זיך פיהלען פעהיג צו אזא ארבייט, וועלען זיך בעשעפטי- גען ספעציעל דערמיט, צו סארטירען דיזע ווארע און האלטען אין ארדנונג, עס זאל ניט פארדאר- בען ווערן. דיזע מאגאזינען אדער מארקעטס וועלען נוצען דאצו, יעדערער זאל דארט קריגען וואס ער דארף, און זיי וועלען שטעהן אין פערבינ- דונג איינע מיט דיא אנדערע; דיא מענשען, וואס זיינען דארט בעשעפטיגט, וועלען וויסען איינע פון דיא אנדערע וויפיעל און וואס פאר א סחורה אין יעדען געפינט זיך, און נאך דיא פאדערונגען פון דיא קאנסומענטען וועלען זיי ליפערן איינע פון דיא אנדערע, אדער איינע צו דיא אנדערע, פערשיעדענע ארטיקלען.

דיא פראדוצירער וועלען שוין ביי איינפאכען צוזאמענריידען זיך, ביי איינפאכער פערבינדונג מיט דיא ווערהייזער, וויסען, פון וועלכע ארטיק- לען עס איז דא צו פיעל און פון וועלכע עס פעהלט

אוים, און זיי וועלען זיך נאך דעם ווענדען אין זייער פראדוקציאן. קיין אדמיניסטראציע אדער בעפֿעהלענדע מאכט איז דא נישט נויטיג; דאס קען זיך זעהר לייכט און גלאט אזוי איינרעגו־לירען אהן אוקאזען און אהן אויטאריטערן בע־פֿעהל פֿון סטאטיסטישע קאמיסיאנען. עבען אזוי וויא מיר זעהען יעצט אויסוואקסען אכאסיאיישאנס, וועלכע אונטערנעהמען דיא פראדוצירונג פֿון געווי־סע ארטיקלען, אזוי וועלען מיר זעהען אויך דאן, וויא עס וואקסען אויס גרופען, וועלכע וועלען טאהן דאס זעלבע, נור אנשטאט וואס איצט איז עס בלויז א ספעקולאציע — א געוויסע קאמפאניע וויל עקספלואטורען א נייע ערפֿינדונג, מאנאפאליזי־רען א נייע ענטדעקונג פֿון א מינע א. ז. וו., וועלען דאן ענטשטעהן גרופען, וועלכע וועלען עס ניט מאכען אוים ספעקולאציע און וועלען עס ניט מאנאפאליזירען, זאנדערן זיי וועלען פראדוצירען דיא געוויכע ארטיקלען, ווייל מען ברויכט זיי אלס נויטווענדיגקייט אדער אלס פֿערגעניגען.

און טאקע דערפֿאר, ווייל קיין זאך וועט ניט זיין געטאהן געצוואונגען, וועט אלעס געהן אויפֿ'ן וועג פֿון פֿארטשריט, פֿון אויסבעסערונג. יעדערער וועט טאהן זיין בעסטעס, וואס זאל זיין גוט פֿאר'ן כלל; שוין דערפֿאר, ווייל זיין וואהל־זיין איז פֿערבונדען אזוי שטארק מיט דעם וואהלזיין פֿון אלעמען, וועט ער, טהוענ'דיג גוטעס פֿארן כלל, טהאן אויך גוטעס פֿאר זיך און טהוענ'דיג גוטעס פֿאר זיך וועט ער גוט טאהן דעם כלל — ווייסען מיר דען ניט, אז אלע שלעכטע אבזיכטען ענטשטעהען נור דארטען,

וואו עס איז דא א צוואנג, א מ ו ז, א געזעץ, אן
אוקאז ? און עס איז גאנץ נאטירליך, דען עס ליגט
אין'ם מענשענס נאטור, טראץ אלע קינסטליכ-
קייטען. ניט צו וועלען זיין אונטער דעם צווייטענס
קאמאנדע, קאמאנדעוועט איהר מיט א מענשען,
דאן קריגט ער פיינד דאס, וואס איהר הייסט
איהם טהאן; טהוט ער דאס אבער מיט אייגענעם
ווילען, דאן ליעבט ער דיא זאך וואס ער טהוט
און סטארעוועט זיך, עס זאל זיין מיט ערפאלג,
און בפרט אז ער טהוט עס פאר א י י ג ע נ ע
נוצען.

VII.

מאיאריטעט אונד מינאריטעט.

מיר דארפֿען זיך איין מאל פֿאר אלע מאהל קלאהר מאכען, אז א געזעלשאפֿט קען ניט זיין פֿריי, ווען זיא האט איבער זיך אן אויטאריטערע מאכט און, אז אין א פֿרייער געזעלשאפֿט קען קיין אויטאריטעט ניט עקזיסטירען. עס בלייבט אלזא צו וועהלען איינס פֿון דיאביידע, אנארכיע אדער געהארכזאמקייט, פֿרייהייט אדער אונטערווארפֿענ־הייט. ווען דיא סאציאליסטען וואס האלטען זיך נאך אן דעם געדאנק, אז כאטשי א וועלכע עס איז אויטאריטעט איז נויטוועגדיג אין א קינפֿטי־גער געזעלשאפֿט, ווא‌לטען זיך גוט איבערלייגען און געבען זיך אליין צו פֿערשטעהן וואס זייער פֿערלאנג איז, וואלטען זיי אליין אויסגעפֿינען, אז זיי פֿהאנטאזירען פֿון אן אויטאריטעט, וועל־כער זיי ווילען זיך אליין ניט אונטערווארפֿען, ווען דיזע אויטאריטעט זאל האנדלען ניט נאך זייער פֿערלאנג; זיי וועלען, רעכנען זיי, שטיר־צען, אראפווארפֿען אדער אומבייטען דיא אויטא־ריטעט וואס וועט געהן געגען זייער ווילען; זיי פֿערגעסען אבער, אז אזא מין אויטאריטעט קען דאך ניט עקזיסטירען, דאס איז דאך א פוסטע פֿהאנטאזיע; ביידען מען זאל רעכנען אז זיי טרוימען פֿון אן אויטאריטעט, וועלכע וועט האנד־לען וויא זיי ווילען, נור געגען דעם ווילען

פֿון אנדערע, ד. ה., דיא אויטאריטעט וועט זיי דינען צו צווינגען אנדערע, צו טהאן אזוי וויא זיי ווילען — דאס איז אבער זעהר א שעהנער בעגריעף פֿון פֿרייהייט, ניט אמת?

מיר וועלען אין אונזערע ווייטערע קאפּיטלען רײדען וועגען דער בעהויפּטונג פֿון מאנכע קאָלעקטיוויסטען, אז וואס מעהר דיא מענשען ענטוויקלען זיך, אלץ מעהר ווערט דער איינצעלנער א שקלאף פֿון דער געזעלשאַפֿט; זיי ווילען נאך בעווייזען וויסענשאַפֿטליך, אז דיא אונאבהענגיגקייט פֿון דעם אינדיווידואום איז אן אונמעגליכקייט; מיר וועלען אבער דאצו נאך קומען. דא ווילען מיר נור ענטפֿערן אויף דאס רעכט פֿון מאיאריטעט. מען וויל אונז איינשמועסען, אז שטעלען אלע מענשען צופֿרידען איז א זאך דער אונמעגליכקייט אין א געזעלשאַפֿט, דען ניט אלע מענשען קוקען אויף אלעס גלייך, ניט אלע האבען גלייכע מיינונגען און דערפֿאר בלייבט נור איבער צו האנדלען נאך דעם ווילען פֿון דער מאיאריטעט. דער ווילען פֿון מאיאריטעט איז אלזא אן אויטאריטעט, א געזעץ, נאך וועלכען אלע מוזען זיך פֿיגען. מיר וואלטען וועלען דיזע מאיאריטעטניקעס זאלען אונז ווייזען א מאס, וואו עס פֿאנגט זיך אן דיא אויטאריטערע מאכט און רעכט פֿון מאיאריטעט און וואו דיזע מאכט און רעכט ענדיגען זיך. איז דער ווילען פֿון מאיאריטעט אבסאלוט אדער ניט? אויב ניט, טא מיט וועלכער מאס זאל מען עס מעסטען?

אויב דיא מאיאריטעט איז ווירקליך אימער גערעכט, טא לאמיר זיך קניען און בוקען פֿאר אונזערע הערשער, לאמיר זיך רוהיג און גערולדיג

לאזען עקספלואטירען, דען דיא מאיאריטעט האט אנערקענט דיזע הערשאפט און האלט פאר גערעכט דיא עקספלואטאציאן פון דיא רייכע; ווען דיא מאיאריטעט האט אימער רעכט, דאן בלייבט צו זאגען אמן אויף דער גאנצער בעשטעהענדער ארדנונג און עס איז אן אונרעכט צו פראטעסטירען געגען דער היינטיגער געזעלשאפט, דען איהרע פרינציפען זיינען דיא פרינציפען פון מאיאריטעט, איהר וואהרהייט איז דיא וואהרהייט פון מאיאריטעט, איהר האנדלען איז נאכ'ן געשמאק פון דער מאיאריטעט. פאר וואס זשע זוכט איהר איינצוארדנען אזא געזעלשאפט, וועלכע דיא מאיאריטעט קען ניט, וויל ניט, ווייס ניט און בעגרייפט ניט?

אז מיר שטעלען דיא אנהעננגער פון מאיאריטעט דיזע פראגען ווערען זיי שטארק ברוגז און ענטפערן געוויינליך, אז אין דער צוקונפט וועט גאר זיין אנ'אנדער זארט מאיאריטעט; איצט זיינען דיא מענשען אונוויסענד, קארופט, פערדארבען, אין דער צוקונפט אבער וועט דיא מאיאריטעט זיין געבילדעט, קלוג, שעהן, איידעל און ארדענטליך (דיא מאסע איז אין זייער מויל כחומר ביד היוצר,—פאסט זיי, זאגען זיי, אז דיא מאסע וועט אויך אין דער צוקונפט, באלד נאך דער רעוואלוציאן, זיין פארדארבען און אונוויסענד און דערפאר דארפען זיי האבען פיהרער; פאסט זיי ניט, זאגען זיי, אז גלייך נאך דער רעוואלוציאן וועט דיא מאסע האבען שכל און דיא מאיאריטעט וועט האבען דעם בעסטען געשמאק און בילדונג) און וועט טאהן נור וואס רעכט איז, וועט אויסוועהלען נור רעכטע און

ארדענטליכע פּערוואלטער א. ז. וו., און דערפֿאר דארפֿט איהר שוין איצט זאגען אמן צו אלעס וואס דיא מאיאריטעט וועט דאן וועלען, כאטשי איהר ווייסט ניט וואס.

עס איז דאך אבער זעהר א ביטערער און מיאוס'ער טעות! שטודירט מיט אפֿענע אויגען און מיט א קלאהרען קאפּף דיא מענשליכע געשיכטע פֿון איהר אנפֿאנג ביז יעצט און זיא וועט אייך לעהרנען, אז ווען א אידעע איז שוין אנערקענט געווארען פֿון מאיאריטעט האט זיא שוין געהאט א הינטער זיך א געזינטערע און פֿערנינפֿטיגערע וואהרהייט. וועלכע האט זיך געשטויסען צו לעבען, און זיא האט מיט דער אנערקענטער וואהרהייט פֿון מאיאריטעט געדארפֿט פיהרען א בלוטיגע מלחמה, און ווען דיזע נייע אידעע האט געוואונען דיא מאכט און איז אנערקענט געווארען פֿון מאיאריטעט, איז זיא שוין געווארען אלט, קאנסערוואטיוו און דעספאטיש, ביז דורך דער עטוויקלונג פֿון נייע אידעען האט אויסגעבראכען א נייע רעוואלוציאן, וועלכע האט זיא פֿארניכטעט און דורכגעפֿיהרט נייעס אויף איהר פלאץ, און אזוי ווייטער און ווייטער.

ויען מיר זעהען דאס זעלבע אין דער גאנצער געשיכטע דער מענשהייט, קומען מיר, אנארכיסטען, צום שכל און זאגען, אז עס איז שוין צייט דיא מענשען זאלען אביסעל קליגער זיין און מאכען אן ענדע צו דיזע בלוטיגע מלחמות, גענוג צו טאנצען דעם זעלבען בליטיגען טאנץ. דיא ערד איז גרויס גענוג צו געבען פלאץ און נאהרונג פֿאר אלע מענשען, דיא זונענשטראהלען

זיינען גענינענד צו געבעןווארעמקייט פֿאר אונז אלעמען און מען דארף זיך נ׳ט שניידען איינער דעם אנדערן דיא העלדזער. מיר ווילען דיא מענשען ערקלערען, אז ווען זיי וועלען איין מאל דורך א שווערען קאמפף ברעבען דיא אלטע קאנסערוואטיווע און דעספאטישע מאכט, וואס דריקט זיי יעצט, זאלען זיי מעהר ניט לייגען קיין הינדערניסע דער ענטוויקלונג פֿון אידעען, דער ענטוויקלונג פֿון דער גאנצער געזעלשאפֿט. ווען מיר ווילען, אז מיט דעם בעגינען פֿון א נייער געזעלשאפֿט זאל דיא עוואלוציאן געהן פֿארווערטס אהן בלוט-פֿערגיסונג, אהן דעם, דאס דיא מענ־שען זאלען זיך אויסשעכטען און אויסווערגען, מוזען מיר אפראמען דאס, וואס עס איז ביז יעצט געשטאנען אין וועג דער עוואלוציאן, וואס עס האט אפגעהאלטען דעם פֿרייען און נאטיר־ליכען גאנג פֿון פראגרעס — מיר דארפֿען ניט אכטען אויף דער מאיאריטעט און ניט נאכטאנצען איהר הייליגען ווילען.

יעדער וואהרהייט ווערט פֿון אנפֿאנג אנער־קענט בלויז ביי א מ׳ינאריטעט, גאר איינפֿאך, ווייל א געדאנק, א אידעע ענטשטעהט ניט אויף איין מאהל ביי אלע מענשען גלייך, זיא ערשיינט אין דיא מוחות נור פון איינציגע מענשען.

עגדע פון ערשטען טהייל.

Digitized by Google

"LIBERTY HALL" FREE
REFERENCE
LEEDS
LIBRARY
AND READING ROOM

אנארכיסטיש-קאמוניסטישע ביבליאטהעק.

— דיא —

אנארכיסטישע געזעלשאפט

פון יאהאן גראוו.

פריי בעארבייט פון מ. קאטץ.

צווייטער טהייל.

ארויסגעגעבען פון „אנארכיסטישען בראשורען פעראיין".

פרייז 5 סענט.

ניו יארק,
פרינטינג פון דער „פרייע ארבייטער שטימע"
1894.

I.

פערוואלטונג און פראדוקציאן.

איינע פון דיא הויפט איינוועגדונגען, וועלכע דיא אנהענגער פון א פערוואלטונג (אדמיניסטראציע) האבען געגען אנארכיזמוס, איז פאלגענדע: „אין דיא פראדוציירענדע גרופען, זאגען זיי, ווענן מען דאך זיכער דארפען האבען א פארמאן, אימיצען וואס זאל ארויסגעבען דיא ארבייט. אהן א פארמאן וועלען דאך זיין שטענדיג מלחמות אין דיא שעפער; דיא ארבייטער וועלען זיך שטענדיג קריגען צווישען זיך, איינער וועט זאגען ער וויל פיילען היינט און דער אנדערער וועט זאגען, ער וויל דוקא טהאן דיא ארבייט, ער וויל פיילען און דער ערשטער זאל גאר ענגבערן לעבער; דער דריטער וועט זאגען, אז ער וויל טהאן ביידע זאכען, אי פיילען אי ענגבערן לעבער, און דיא ערשטע צוויי זאלען גאר שמידען מיט'ן שווערען האמער: עס וועט זיין א שטענדיגע צומישעניס און קיין זאך וועט ניט געטהאן ווערן, וועהרענד מיט א פארמאן ווערט עס גאנץ שנעל: גלייך וויא ער קומט אין פאבריק גיט ער שוין יעדען זיין טהייל ארבייט וואס ער זאל טהאן, און אלעס געהט אין ארדנונג, מען קריגט זיך ניט און דיא ארבייט ווערט אויפגעטהאן".

אזעלכע קשיות קענען אבער בלויז ענטשטעהן ביי מענשען, וועלכע קוקען אייף אלעס

אין דער קינפטיגער געזעלשאפט פון דעם זעלבען
שטאנדפונקט פון דער איצטיגער געזעלשאפט.
זיי זיינען געוויינט געווארען צו געהערכען א
פארמאן אוים צוואנג און זיי דיינקען אוים
געוויינהייט, אז דיזע צוואנג איז פאר
זיי א טובה. פרובירט מען אבער אריבער־
טראגען זיך אין א פריי ארגאניזירטער גרופע,
דאן דיינקט מען גאר אנדערש. צו וואס דארף
מען א פארמאן דארט, וואו מענשען האבען זיך
פרייוויליג ארגאניזירט? פרייוויליג ארגאניזירט,
דאס הייסט שוין אז דיא מענשען האבען צווישען
זיך שוין אפגעמאכט אויף וועלכען אופן זיי זאלען
צוזאמען ארבייטען, זאנסט וועלען זיי ניט געהן
צוזאמען שאפען. מיר האבען אין איינע פון אונ־
זערע פריערינע קאפיטלען געזאגט, אז עבען אזוי
וויא מיר זעהען יעצט ענטשטעהען קאמפאניעס,
וועלכע אונטערנעהמען דיא פראדוצירונג פון
א געוויסען ארטיקעל, אזוי וועט עס אויך דאן
זיין, נור ניט אוים ספעקולאציע, זאנדערן וויל
מען דארף אזא ארטיקעל האבען אין דער
קאמונע. איינמאל רידען זיי זיך צוזאמען (פריי־
וויליג, פערגעסט ניט) אויפצוטהאן א געוויסע זאך,
דאן דארף מען קיינע פארמאנס און קיינע פאר־
ליידים; דיא מענשען וויסען שוין פון פריער אן
וואס זיי האבען צו טהאן, און טאמער וועט דער־
נאך איינער חרטה האבען, איהם וועט גאר־
ניט געפעלען דיא ארבייט, וועלכע ער
האט זיך אנגענומען צו טהאן, וועט ער טאקע
אוועקגעהן און וועט זיך אנשליסען אן אנאנדער
אונטערנעהמונגס גרופע, וואו איהם וועט בעסער
שמעקען דיא ארבייט. און וואס וועט דאן טהאן

איער פֿארמאן מיט איהם ? וועט איהם האלטען מיט געוואלט אין פֿאבריק ? דאן וועט דאך דאס זיין נאך אן ערגערע געזעלשאפֿט וויא דיא, אין וועלכע מיר לעבען יעצט. דאס וועט דאך זיין א מין קאטארגע !— קיינע קריגערייען קענען ניט זיין דאָרטען, וואו מענשען קומען זיך צוזאמען צו טהאן עטוואס פֿרייוויליג. דוקא דאמאלס וועט יעדערער זיין אויף זיין פּלאץ, ווייל ער וועט טהאן דאס, וואס פֿאר איהם איז אינגענעהד־מער, צו וואס ער האט חשק, וואס ער געפֿינט פֿאר בעסער.

און קיין בעזונדער אויסקלייבענס אין ארבייט וועט גאר ניט זיין, וויאבאלד אז אלעס צאהלט זיך פֿאר איהם גלייך און לויגט איהם אלץ איינס וויא דיא אנדער ארבייט. ער ווייס, אז ער דארף זיינעס ביישטייערן צו דאס וואס עס איז נויטיג אין דער קאמונע און דערפֿאר קריגט ער אלעס וואס ער דארף ; ער טהוט דאן כאדם העושה בתוך שלו, וויא איינער וואס פֿארריכט אן ארבייט ביי זיך אין הויז. הייגט קלייבט מען ארבייט, ווען מען האט דיא מעגליכקייטען צו קלייבען, ניט ווייל דיא ארבייט גופֿא איז דעם ארבייטער גע־שמאקער, נור ווייל ער קריגט פֿאר איהר בעסער בעצאהלט. נאטירליך וועט עס אויך זיין אין א קאלעקטיוויסטישער געזעלשאפֿט, וואו עס וועלען זיין דיפֿערענץ פּרייזעס אויף ארבייט. אין א גע־זעלשאפֿט אבער פֿון פֿאלקאמע גלייכהייט, וויא אין אנארכיסטיש קאמוניסטישע, וועט דעם מענשען זיין גאנץ עגאל ביי וואס ער זאל אר־בייטען, ביי שיך אדער ביי שטיוועל, ביי פֿלעש־לעך אדער ביי גלעזער ; ער וועט נור אויס־

וועהלען דאס, צו וואס ער איז פֿעהיגער, און אין זיינע אייגענע נוצען וועט עס זיין צו שאַפֿען דאס וואס עס איז וויכטיגער, וואס עס איז נויטיגער אין א געוויסער צייט.

כטייטש אבער, זאגט מען אונז, ווען מענשען וועלען האבען דיא פֿולע פֿרייהייט אויסצוקלייבען ארבייט, וועלכע עס איז פֿאר זיי אנגענעהמער, און ווען עס זאל ניט זיין קיין עקסטרא פרייזען פֿאר שווערע און אונאנגענעהמע ארבייט, וועט דאך קיינער אזא ארבייט ניט וועלען טהאן. ערש־טענס ווילען מיר דערויף ענטפֿערן, אז באלד נאך דער רעוואלוציאן וועט נאטירליך יעדערער געהען צו דער ארבייט, צו וועלכער ער איז גע־וויינט געווארען פֿון פֿריהער, און דאן וועט דער פֿרייער מענש איינזעהען, אז דיזעלבע ארבייט, וועלכע האט איהם אמאל אויסגעוויזען שווער־ליך, איז גאר ניט אזוי שווער, ווייל דיא אר־בייטס־שטונדען וועלען זיין זעהר קורץ און ער וועט זיך ניט אנשטרענגען. צווייטענס, ביי דיא אנווענדונג פֿון מאשינעריע, וועלכע בעצאהלט זיך יעצט ניט, ווייל מענשליכע ארבייט קאסט ביליגער. ביי בעסערע ווענטעלאציאנען, גראמע־רע שעפער און ווידער אמאל ביי דער קורצער צייט פֿון ארבייט, ווייל אלע בעטהייליגען זיך אין איהר, וועט זיך אויסגלייכען דיא ארבייט. מאנכע ערליי ארבייטען רעכענט מען גאר איצט פֿאר שלעכט, ניט ווייל דיא ארבייט איז שווער אדער איז טאקע אין נאטור שלעכט. זאנדערן ווייל עס איז ניט קיין יחוס׳דיגע ארבייט: מענשען האבען אויך אין דער ארבייט אריינגעפֿיהרט יחוס; אין א פֿרייער געזעלשאַפֿט וועט עס אבער

זיין לעבערליך. ניטא קיין שעהנערע ארבייט און קיין מיאוסערע ארבייט, עס איז נור דא ניצליכע און אומניצליכע ארבייט.

סטייטש אבער, זאגט מען אונז ווידער, קענט איהר דען לייקענען, אז ראמען וואטערקלאזעטס איז ניט קיין אנגענעהמע ארבייט? ווער וועט עס דען ווערלען טהאן אין א קינפטיגער געזעלשאפט, וואו יעדער האט א רעכט ניט צו טהאן ואס ער וויל ניט? — אללרייט! מיר ווערלען פרובירען צוגעבען אויף א מאמענט, אז קיינער וועט אזא ארבייט ניט וועלען טהאן אין א פרייער געזעלשאפט — נון, שטעלט זיך פאר, קיינער וועט ניט געהן ראמען, דער סוף וועט מוזען זיין, אז אלע וועלען מוזען פערטרונקען ווערן אין שמוץ, אבער ראמען? חס מלהזכיר! קיינעם וועט עס ניט אנשטעהן. גלויבט איהר אליין, אז מענשען וועלען זיין אזוי דום, וועלען זיך אליין זיין אזעלכע שונאים, אז זיי וועלען בעסער פאר־עיפוש'ט ווערן, נור ניט אויסראמען דיא שמוץ? לעבערליך! איהר גלויבט אליין ניט אין אזא נארישקייט. וויא זשע פארט וועט זיין מיט אזא סארט ארבייט, ווילט איהר וויסען; מען קען זיך עס זעהר לייכט פארשטעלען: ענטוועדער מענשען וועלען זיין פויל צו אזא ארבייט א לאנגע צייט און זיי וועלען איינזעהען צום סוף, אז לאזען אזא ארבייט ניט געטאהן איז נאך א סך מיאוסער, שענדליכער און ערגער אידער איין מאהל אפטהאן איהר, און דאן וועט זיך שוין יעדער פערגינפטיגערער מאפען פאר דער ארבייט, אדער זיי וועלען פון פאראויס פערשטעהן, אז דאס קען פיהרען צו טרויעריגע רעזולטאטען און

זיי וועלען עס ארגאנזשירען צווישען זיך.

דאס האבען מיר אלץ גערעט, ווען מען זאל שוין צוגעבען, אז דיזע ארבייט איז אזוי שלעכט און שמוציג, אז קיינער וועט גאר ניט וועלען א ריהר טהאן מיט'ן פינגער זיא זאל געטאהן ווערן. עס איז נאך אבער גאר ניט אזוי געפעהרליך, עקעלט דאך גאר ניט אזוי שטארק דיא מוטער, ווען זיא דארף רייניגען דיא שמוץ פון איהרע קינדער. זעלבסטפערשטעדליך, אז דיא מענשען וועלען זיך קריגען אויסצוגעפינען מיטלען וויא אזעלכע שמוציגע ארבייט זאלען קענען ערפיעלט ווערן מיט מאשינען. — נעהמט דיא איצטיגע סאניטארנע אינסטרומענטען, זיי זיינען שוין אזוי ענטוויקעלט, אז פאר דעם מענשען איז, דורך דער הילפע פון דיא אינסטרומענטען, אזא ארבייט ניט ערגער פון אנדערע ארבייטען. און פערגעסט ניט, אז קיין יחוס אין ארבייט איז ניטא, און א מענשען וואס וועט דאביי ארבייטען וועט מען אפגעבען דעם זעלבען כבוד, וויא א מענשען פון אנאנדער פאך ארבייט. זיכערער פון אלעס איז אבער, דאס ביי יעצטיגער עטוויקלונג פון מאשינעריע וועט גאר ניט קומען דאצו, אז מענשען זאלען זיך דארפען קריגען איבער דעם.

מיר לייגען ווירקליך זעהר פיעל געוויכט אויף אונזער גלויבען, דאס דיא מענשען נאך דער רעוואלוציאן וועלען ווירקליך שטעהן העכער פון דיא איצטיגע מענשען: דאס איז ניט קיין פוסטע האפנונג, דער איינציגער פאקט, דאס דיא מענשען וועלען זיין פריי פון דיא שקלאפענקייטען, און וועלכע זיי זיינען געווען פריער געבונדען, וועט זיי שוין מאכען פאר אנדערע

גאר ניי געבארענע מענשען, דאס הייסט ניט, אז דיא מענשען אליין וועלען דורך א נס ווערן אנדערע, זאנדערן גאנץ נאטירליכער ווייזע, דיא פערהעלטניסע, וועלכע וועלען ארום רינגלען דעם מענשען און וועלכע וועלען ווירקען אויף זיין לעבען, וועלען איהם שטויסען צו האנדלען אנדערש, וויא ער פלעגט האנדלען פריהער, ווען ער איז געווען אונטער שלעכטע אומשטענדען.

אנשטאט דער היינטיגער אינדיווידועלער געזעלשאפט, וואו יעדערער קען נור לעבען אויף דעם רעכנונג פון אנדערן, וואו דעם איינזאכען מענשען, דעם ארבייטער, ברענגט נור טאג וויא נאכט דער קאפף: געוואלד, וואו נעהמט מען מארגען אויף דער הוצאה? — אנשטאט דער היינטיגער געזעלשאפט. וואו דער קאמפף אום׳ם דאזיין הערשט אין אלע טהיילען פון איהרע מיטגליעדער, מען מוז זיין שטענדיג אין זארג וויא ניט איינגעשלונגען צו ווערן און נור זוכען מיט־לען וויא איינצושלינגען דעם צווייטען, אנשטאט דעם וועט דער מענש זיך געפינען אין א געזעלשאפט מיט טיעפע און ברייטע האפנונגען, געגרינדעט אויף דעם געמיינשאפטליכען שטרעבען — אלע מען און יעדען זאל זיין גוט, קיינע אינטערדריי־קונג וועט ניט זיין, קיין עקספלואטאציאן וועט ניט לוינען און יעדערער וועט זיכער זיין, אז קוים וועט ער אויך, וויא יעדער איינציגער זיין מיט־ברודער, ביישראגען א טהייל צו דיא ארבייט. וועלכע עס איז נויטיג פאר זיינעם און פאר אלע־מענס וואהלזיין, האט ער קיין זארג פאר עסען. קיין פורכט פאר שטארבען פון הונגער, קיין מורא

ניט אויסגעביימעט צו ווערן פֿון א באכ, — דאס
וועט איהם זיכער מאכען פֿאר אן אנדער מענ־
שען, וויינינגסטען אזוי וויט, אז מען וועט מיט איהם
ניט דארפֿען פארוואלטען און צווינגען צו טהאן דיזע
ארבייט און ניט יענע. דארטען, וואו א מענש ווייס
אז ער טהוט עס פֿאר זיינע נוצען, טהוט ער גאר מיט
אן אנדער חשק און מיט אן אנדער געשמאק.

"LIBERTY HALL" FREE REFERENCE
LEEDS
LIBRARY
AND READING ROOM

II.

זיינען דיא מענשען רייף פאר א פרייע געזעלשאפט?

מיר ווייסען גאנץ גוט, דאס א אידעע, וויא גערעכט און וואהר זיא זאל זיין, קען ניט איינגעפיהרט ווערן אין לעבען, וויא לאנג דיא מענשען זיינען ניט דורכדרונגען מיט דיזער אידעע, וויא לאנג דיא מאסע איז ניט רייף אנצופאסען זיך אזא אידעע, און דערפאר פריידיגען מיר דאך אונזערע גערעכטע אידעען בעפאר נאך עס האט אויסגעבראכען דיא רעוואלוציאן, צו וועלכע דיא איצטיגע פערהעלטניסע שטויסען אונפערמיידליך. — ווען דער קאמפף פון דיא אונטערדריקטע געגען דיא אונטערדריקער וועט אויסברעכען, וועלען מיר שוין האבען פיעלע אנהענגער פון אונזערע אידעען, און דאן וועלען מ ר זעהען דורכצופיהרען אונזערע ווינשונגען.

מיר וועלען אויפפאדערן אונזערע ברידער ליידענדע, זיי זאלען טהאן דאס זעלבע וואס מיר; וועלען זיי פאלגען אונזער ביישפיעל, וועט דאס זיין א בעוויז, אז אונזער אידעע איז גענוג ענטוויקעלט, אז דיא מענשען זיינען רייף זיא אנצונעהמען; טאמער אבער וועט דיא מאסע זיין דאגעגען און וועט ניט מיטגעהן מיט אונז האנד אין האנד, איז א סימן, זעלבסט פערשטענדליך, אז אונ־

זער צוועק איז נאך ניט ערדייכט, דיא באסע איז נאך ניט ענטוויקעלט פאר אונזערע אידעען. וויא וויניג אבער מיר זאלען ניט אויפבהאן אין דער קומענדער רעוואלוציאן, זיינען מיר דאך זיכער, אז אונזערע אידעען וועלען מעהר אריינדרינגען אין לעבען, און ווען דיא מאסע וועט ווידער אמאל אריינפאלען אין דיא הענד פון עקספלואטאטארס און וועט דערזעהען, אז זיא האט איהר בלוט פערגאסען נור צו האבען א נייע סארט הערשער איבער זיך, וועט זיא דאן ערשט אנערקענען דיא גערעכטיגקייט פון אונזערע מיינונגען און וועט אויסגעפינען, אז אנארכיע און קאמוניזמוס איז דער איינצעלנער צושטאנד, אין וועלכען זיא קען זיכער זיין מיט איהר נצחון. מיר וועלען אלזא יערענפאלס זעהר פיעל אויפטהאן, ווען מיר וועלען אין דעם פעריאד פון דער רעוואלוציאן צייגען דיא מענשען א ביישפיעל און נעהנטער בעקאנט מאכען זיי מיט אונזער אידעאל, דען דאן זיינען מיר זיכער, אז ווען זיי וועלען ווידער אמאל קעמפפען פאר זייער פרייהייט, וועט זיי שוין זיין קלאהר געווען, וויא זיי האבען וויטער צו האנדלען, אויב זיי ווילען איין מאל פאר אלע מאל פריי זיין פון יעדער צוואנג.

מיר זיינען אלזא ניט געגנער פון ענטוויקלונג, זאנדערן — הייסע פארטהיידיגער און מיטארבייטער אין דער ענטוויקלונג. מיר זיינען אבער פעסט אין אונזער גלויבען, מיר זיינען שטארק איבערצייגט, אז דיא מענשען זיינען פעהיג צו טהאן גוטעס און גוטעס צו געניסען ווארום זאל מען דען דיינקען, אז מענשען זיינען ניט פעהיג צו פערשטעהן איינע דיא אנדערע,

צו ארגאניזירען זיך געגאסענשאפטליך? יא, עס איז וואהר, אז דער מענש איז זעלבסטליבענד און האט שטארק האלט כבוד; ווען אבער ער זאל ניט האבען דיא מעגליכקייט אויסצוניצען זיין עגאאיזמוס צום צווייטענס שאדען, ווען דיא אומשטענדען וועלען איהם ניט צווינגען צו בויען זיין גליק, זיין שטאלץ אויף'ן צווייטענס רעכנונג און דורך דעם אונטערדריקען זיין מיטמענשען, וועלען דאן זיינע נייגונגען ווירקען צו גוטען; אין איהם וועט זיך ענטוויקלען עדעלזינן, ענטהוזיאזמוס און גרויסמוטה, און ער וועט אויפהערן צו זיין א קאלטער עגאאיסט און א פוסטער נאכיאגער נאך כבוד.

האבען מיר דען נישט געזעהען אין דיא פערגאנגענע רעוואלוציאנען, דאס מענשען, וועלכע מען האט גערעכנט פאר געמיין, גראב און פערדארבען, זיינען הונגעריגערהייט, אין לומפען אנגעטהאן, געשטאנען בעוואפנעטע און האבען געהיט דיא מיליאנען גאלד, עס זאל חו"ש ניט אנגעריהרט ווערן פון קיינעם אין דעם גרויסען טומעל? און נאך וועמעס גאלד? דאס געלד פון דיא בעטריגער, וועלכע האבען אויסגעניצט דעם זיעג פון פאלק פאר זיך און האבען באר בעריש בעהאנדעלט דאס פאלק פאר זיין גרויס מוטה. מיר ריהמען ניט דאס פאלק פאר אזא האנדלונג; אונז וואלט געווים מעהר הנאה טאהן, ווען דיא ארעמע און עלענדע וואלטען בעסער זיך גענומען דיא מיליאנען, וועלכע זיינען גע־ווען אין זייערע הענד. מיר האבען דאס אבער געבראכט אלס ביישפיעל צו צייגען, וויא ווייט מענשען, וואס מען רעכנט פאר פערדארבען, גראב און אונעהרליך, זיינען אימשטאנדע גרויס־

מוטהיג צו זיין, ווען זיי־דיינקען אז דיא הערשאַפט פון איין מענשען איבער דעם אנדערען האט אויפגעהערט. נאַ־טירליך אין אזא געזעלשאַפט וויא דיא, וואו מיר לעבען איצט, וואו אָר־דענטליך זיין הייסט, שטאַרבען פון הונגער, וואו דיא אומשטענדען פאָדערן פון מענשען צו זיין גראָב, ציניש, קאַ־רופּט און פארדאָרבען פון קאָפּף ביז דיא פיס, קען מען ניט ערוואַרטען, אז דיא מענשען זאָלען זיין עדעלזיניג, גרויסמוטהיג און סאָלידאַריש.

דערפאַר איז אין אונז שטאַרק דיא האָפענונג, אז אין א געזעלשאַפט, וואו דיא ארבייט וועט ניט זיין א לאַסט, זאַנדערן—אַן אַנגענעהמע טהעטיגקייט, א ערפרישונג און ערמונטערונג, וועט דער מענש זיין פעהיג גוט צו זיין און

גוטעס צו געניסען. און דעסטאָ מעהר קענען מיר עס ערוואַרטען פון מענשען, וועלכע האָבען שוין דורכגעמאַכט א קאַמפף פאַר זייער בעפרייאונג פון דער יעצטיגער פערדאָרבענער סיסטעמע, וועלכע ווילען פאַר זיך זיכערן א צופריי־דענעם לעבען.—ניין, עס איז ניט קיין פאַנטאַזיע, ווען מיר גלויבען, אז אזעלכע מענשען וועלען מיט לוסט לייסטען אלעס אין א געזעלשאַפט, וואו זיי וועלען זיכער זיין מיט זייער עקזיסטענץ און וועלען אין איהר האבען א רעכט פון אלעס צו געניסען.

בעזיצט דען ניט יעדער מענש אין זיך א נאַטירליכע נייגונג טהעטיג צו זיין? און איז דען ניט נאַטירליך, אז ער זאָל זיין טהעטיג גראַדע אין דעם, וואס עס ברייננגט איהם מעהר נוצען? ווען דער מענש ווייס אז ער קען ניט אליין לעבען,

דער געזעלשאַפטליכער לעבען איז פאַר איהם אנגענעהמער, ארבייטענדיג צוזאמען ערשפארט ער קרעפטען, קען בעסער אנווענדען דיא ענט־וויקעלטע מאשינעריע, קען אויסערן זיינע געדאנקען צו זיינע מיטמענשען; מיט זיי צוזאמען איז זיין לעבען פיעלפאַכער, פאלקאמענער, פערגעניגענדליכער—ווארום זאל מען דען צווייפ־לען דעריין, אויב דער מענש וועט גערן בייטרא־גען זיין טהייל ארבייט אין דער געזעלשאַפט, אום דאס זאל איהם געבען א זיכערע, רוהיגע און פערגעניגענדליכע עקזיסטענץ? ווארום זאל דעם מענשען, דעם נארמאלען מענשען, איינפאַלען א קאפריז צו טאהן גראדע פערקעהרט וויא מען דארף? עס איז שוין צייט צו וויסען איין מאל פאַר אלע מאל, אז אין נארמאלע אומשטענדען זיינען דיא מענשען נארמאל.

III.

פריידליכער צוזאמענלעבען.

אין א געזעלשאפט, אין וועלכער דיא מענשען זיינען פריי אויסצו-וועהלען וועלכע בעשעפטיגונג זיי געפינען פיר בעסער, דארף מען ניט האבען קיינע אויפזעהער און קיינע אויטאריטעטען, דיא מיטגליעדער וועלען אליין פריידליך שליכטען דיא פערשיעדענע פראגען אין עפענטליכע אנגעלעגענהייטען, זיי וועלען צוזאמענקומען אין דער גרופע און וועלען בעשליסען איינשטימיג אלעס וואס זיי קומט פאר איינצוריכטען. לאמיר נעהמען צ. ב. ש. אזא טהייל ארבייט וויא בילדען הייזער. אום צו בילדען א הויז דארף מען ערשטענס האבען א פלאן. אבוואהל מען רעכענט דיא אנארכיסטען פאר משוגעים, יעדאך מעג מען גלויבען, אז זיי וועלען חו״ש ניט זיין אזוי משוגע צו לייגען דיא ציגעל איינע אויף דיא אנדערע אין דער קרים אין כתם אזוי אין דער וועלט אריין, אהן א מאס און אהן א טאקט. זיי וועלען זיכער אויך ארבייטען נאך א בעשטימטען פלאן.

עבען אזוי וויא איצט, ווען א לענדלארד וויל בילדען א הויז זוכט ער אויס אן ארכיטעקט, וועלכען ער ערקלערט וואס פאר א הויז ער ווינשט צו האבען און דער ארכיטעקט ארבייט פאר איהם אויס א פלאן, וואו עס ווערט אויסגעמאסטען וויא און וואס עס דארף איינגעשטעלט

ווערן און וויפיעל מאטעריאל עס דארף פארניצט ווערן אום אזא הויז זאל ארויסקומען, אזוי וועט עס אויך זיין דאן, מען וועט געבען איין ארכיטעקטאר אדער מעהרערע אויסצוארבייטען א פלאן. אין דער קינפטיגער געזעלשאפט, כאטש זיא וועט זיין פריי, וועלען מסתמא אויך מענשען ניט בילדען הייזער גלאט אזוי, ווייל עס איז ניטא וואס צו טהאן, מען וועט בילדען א הויז וואהרשיינליך דערפאר ווייל מען דארף אזא הויז האבען. דיא ארגאניזאציאן וואס דארף דאס הויז האט אויסגעפונען אז זיא איז נויטיג, דיא מיטגליעדער האבען זיך אויך דורכגעשמועסט, וואו דאס הויז זאל געשטעלט ווערן און וואס פאר א הויז עס זאל זיין—דאס איז זעלבסט פערשטענדליך.

שטעלען מיר זיך פאר צוויי פעלע, אין וועלכע דאס קען פאסירען. איין פאל איז, ווען א גרופע פון מויערער אליין ווילען בילדען פאר זיך א הויז און דער אנדער פאל, ווען דיא מויערער אדער בויער דארפען בילדען א הויז פאר אן אנדער גרופע. אין דעם ערשטען פאל בעזארגען דיא בילדער אליין פאר זיך דעם פלאן פאר דאס הויז וואס זיי דארפען, אין'ם צווייטען פאל וועט דיא גרופע, פאר וועמען דאס הויז ווערט אויפגעשטעלט, געבען דיא בילדער א פערטיגען פלאן, וויא פאר זיי איז בעסער און בעקוועמליכער,— איןביידע פעלע אבער איז דא דער פלאן בעפאר מען געהט בילדען דאס הויז. אום אויסצוארבייטען דאס אלעס דארף מען קיין אויטאריטעטע מאכט ניט האבען, — קיינע פערזענליכע אינטערעסען זיינען ביי דיא מיטגליעדער ניט דא, וואס עס זאל יעמאנדען פון זיי צווינגען צו קריגען זיך מיט

דיא איבעריגע איבער דעם פלאן, זייערע אינטע־
רעסען זיינען סאלידאריש און דאס אליין פיהרט
שוין צו א מעגליכער פערשטענדיגונג איבער דעם
פלאן פון הויז. װען עס זיינען אבער טראץ דיא
געמיינשאפטליכע אינטערעסען דאך דא אין דער
גרופע מיינונגס פערשיעדענהייטען איבער דעם
פלאן: איין טהייל איז איבערצייגט, אז אזא ארט
געביידע וועט זיין ניצליכער און בעקוועמער, אן
אנדער פארטהיי איז פעסט איבערצייגט, אז גראדע
אזא הויז וויא זיא וויל וואלט געווען גראמער און
צוועקמעסיגער, נאך א דריטע פארטהיי מיינט
פארקעהרט, גאר אנדערש פון דיא ערשטע ביידע,
אויב יעדערע פארטהיי פון דיזע איז איבערצייגט
אין דיא גערעכטיגקייט און פראקטישקייט פון
איהר פלאן און וויל בשום אופן דיא איבעריגע
ניט נאכגעבען, דאן וועט זיכער יעדערע פון
דיזע פארטהייען בילדען נאך דעם פלאן וואס
איהר געפעלט בעסער — אנדערש קען עס ניט
זיין. דיא מענשען האבען זיך דאך גוט דורכגע־
רעדט, האבען איינע דיא אנדערע בעוויזען דיא
בעסערקייט פון זייער אידעע. זיי האבען דורכגע־
רעכענט וועלכע אנשטרענגונג עס וועט זיי קאסטען,
ווען יעדער פארטהיי וועט בלייבען ביי דאס
איהריגע און וועט פערלירען כוחות אויף צו
פערווירקליכען איהר פלאן, און נאך אלעם דעם,
ווען זיי וועלען דאך יעדערע בילדען אזא הויז
וויא איהר איז בעסער, לוינט עס דאך פאר
זיי און קיינער ווערט דאביי גאר נישט אן,—דיא
פראקטיקע וועט זיי דערנאך איבערצייגען. ווען עס
זאל אפילו מעגליך זיין, אז דורך אן אויטאריטערע
מאכט זאל אויסגעפיהרט ווערן, אז נור איינער

פֿון דיא דריי פלענער זאל דורכגעפֿיהרט ווערען, וועט דאס דען בעפֿרידיגען דיא איבעריגע, וואס זיינען איבערציגט אז ווייערע פלענער זיינען בעסערע ?

דא פֿאלט שוין אויך אראפּ דער פֿארוואורף וואס מען מאכט אונז, אז אויב קיין פריוואט אייגענטהום וועט ניט זיין, דאן וועט אין מענשען אפּגעשוואכט ווערען דיא ענערגיע, דיא קראַפֿט צום שטרעבען און טהעטיג צו זיין, — דארטען וואו דער מענש האט אנדערע איבערצייגונגען פֿון׳ם צווייטען וועט ער געווים שטרעבען צו בעווייזען אז ער האט רעכט, אין איהם וועט זיך ענטוויקלען א שטארקע ענערגיע דורכצופֿיהרען זיינע איבערצייגונגען; נאטירליך, אזוי לאנג וויא זיינע מאטעריעלע אינטערעסען זיינען דאביי ניט אריינגעמישט וועט דא ניט זיין קיין פלאץ פאר קיין האס און פיינדשאפֿט, יעדערער וועט נור זוכען צו איבערצייגען אנדערע אין זיין וואהרהייט און דאס וועט אין איהם ענטוויקלען א שטארקע ענערגיע, אהנע דעם, אז ער זאל דאביי האבען ביטערע געפֿיהלען נעגען אנדערע — הארמאניע וועט זיין דער אידעאל פֿון אזא פֿרייער געזעלשאפֿט.

פֿיליכט אבער געפֿינען אייניגע אינדיווידואומען אוים, אז זיי קענען ניט איינשטימען מיט דער גרופּע, אין וועלכער זיי לעבען, וועט זיי קיין זאך און קיין מענש ניט צווינגען צו שטעהן דארט, זיי קענען זיך דאן אנשליסען אן אנאנדער גרופּע, וועלכע זיי געפֿעלט בעסער. אויב זיי געפֿינען גאר קיין גרופּע ניט, מיט וועלכע זיי זאלען שטימען, דאן קענען זיי אויסזוכען נאך אזעלכע

איינצעלנע פערזאנען אונצופריעדענע, װעלכע זיינען מיט זיי איינפערשטאנדען און זיי בילדען זיך א גרופע אויף אזא׳ן אופן װיא זיי געפעלט אם בעסטען. יעדער מענש קען געפינען א טהייל מענשען ערהגליכע צו איהם, װעלכע האבען אויך אזעלכע מיינונגען און אזא געשמאק װיא ער. נאטירליך רעדט מען דא ניט װעגען אויכנאה־מען; װײַן מען רעדט װעגען א גרופע, אסאסיא־ציאן אדער געזעלשאפט, דאן רעדט מען װעגען מענשען מיט געזעלשאפטליכע נייגונגען, דאס הייסט מיט א טענדענץ צו לעבען געזעלשאפטליך.

מ׳ײַן דארף נאך ניט פערגעסען אז צו לעבען געזעלשאפטליך איז א נאטירליכע נויטװענדיגקייט אין אונז — קיין אויטאריטעט, קיין הערשאפט צװינגט אונז ניט דערצו, אונזער עקזיסטענץ פאדערט עס פון אונז. מיר קענען ניט עקזיס־טירען אהן א געזעלשאפט, אהן א צוזאמענבונד פון מענשען. װייל אימיצער אויפהערן צו עקזיס־טירען, װייל פערניכטעט װערן, דאן איז עס זיין זאך, ער קען זיך טאהן װיא ער װייל און לעבען אליין אין װאלד. װען איינעם איז אבער טהייער דאס לעבען און ער װייל הנאה האבען פון לעבען, קען ער עס אנדערש ניט אויספיהרען סיידען װען ער לעבט מיט נאך מענשען צוזאמען. סאלי־דאריטעט איז איינע פון דיא נאטירליכע פאדע־רונגען פאר אונזער עקזיסטענץ און מיר גלויבען אז דיא נ א ט י ר ל י כ ע געזעצע מוז דער מענש נאכקומען.

דאס װאס איז געװען דא אויבען אנגעפיהרט װעגען בילדען א הויז קען זיין אנגעפיהרט װע־גען יעדע עפענטליכע אנגעלעגענהייט, װאס איז

שייך צום געזעלשאַפטליכען לעבען, דאס זעלבע איז מיט אייזענבאהנען, טעלעגראַפען, קאנאלען, נייע ערפינדונגען, וועלכע מען וויל אנווענדען אין דער פראָדוקציאָן אדער דיא פּראָדוצירונג פון א נייעם סאָרט אַרטיקעל, מיט איין ווארט — אין אַלע טהיילען פון מענשליכע טהעטיגקייט אין א געזעלשאַפט. דיא שטענדיגע צוזאַמענקונפט, דער טעגליכער צוזאַמענלעבען ווערט דיא מיטגלידער פון א פרייער גרופּע בריינגען צו א פערשטענדיגונג צווישען זיך אין יעדער אנגעלעגענהייט, אהנע דעם דאס מען זאל דאצו דארפען האבען אויטאָריטעטען, און „איבערשטע" מאכט א. ז. וו. — שוין דאס אליין וואס דיא אינטערעסען פון דיא אַלע מיטגליעדער זיינען געמיינשאַפטליכע גיט א גענינענדע גאראנטיע אז מענשען וועלען זיך ניט רייסען און ניט קריגען איינע מיט דיא אַנדערע, זאנדערן זיי וועלען גאנץ פריעדליך שליכטען דיא זאך צווישען זיך, ווען אונטער זיי וועלען זיין פערשיעדענע מיינונגען איבער אירגענד וועלכער אנגעלעגענהייט. מיר קענען זעהר לייכט בעגרייפען וויא אזוי און ווארום דיא מענשען וועלען זיך ניט האסען אין א פרייער געזעלשאַפט, ווארום איינער דעם אַנדערן וועט ניט שטערן און אלעס וועט פריעדליך אפגעמאכט און בעשלאסען ווערן.

ווען מיר שטודירען דורך דיא אורזאכען פון דיא יעצטיגע פיינדשאַפט און צאנקעריי צווישען דיא מענשען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, ווען מיר פארשען נאך וויא אזוי דאס קומט, אז א מענש איז א פיינד צו זיינע מיטמענשען, זעהן מיר אז דיא ערשטע זאך איז דא דיא פורכט

פֿאר דעם מארגעדיגען טאג; דער כורא האבען טאמער בלייבט ער מארגען מיט זיין פֿאמיליע אהן ברויט טרייבט יעדען מענשען אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט צו ווערן אן עגאָטיסט, צו זארגען נור פֿאר זיך אליין, צו קימערן זיך נור פֿאר זיין אייגענעם „איך“, ווען אפֿילו דאס קומט אויס אויף'ן צווייטענס רעכנונג. טראָץ אלעם דעם זעהען מיר פֿון דעסטוועגען אז אפֿילו דער היינטיגער מענש איז אויך גענייגט צו געזעלשאַפֿטליכקייט, צו פֿריינדשאַפֿט, והא ראיה — דארטען וואו דער מענש זעהט פֿאר זיך קיין רעה ניט, וואו ער ריזיקירט וויניג, איז ער איצט אויך א בעלן צו טאהן א טובה דעם אנ־דערן; עס איז נור דער פֿערלאנג אליין זיכער צו זיין מיט זיין עקזיסטענץ, וואס עס צווינגט דעם מענשען צו געהן געגען דעם צווייטען. דיא ליעבע צו געלד, דער פֿערלאנג אויסצופֿיהרען דוקא וויא ער וויל און ווילען דוקא דאס, וואס עס לוינט ניט פֿארן צווייטען — דאס אלעס זיינען פּראדוקטען פֿון דער איצטיגער געזעלשאַפֿט, וועלכע איז געגרינדעט אויף דער שניידענדער אונבארמהערציגער קאנקורענץ, דיזע מערדערישע גרונדלאגע פֿון דער געזעלשאַפֿט האט עס דורכ־געפֿיהרט א געזעץ פֿאר יעדען מענשען, ער זאל אנווענדען אלערליי מעגליכע און אונמעגליכע מיטלען צו זיגען אין דיזען געווינסנ־לאזען קאמפף פֿון יעדען געגען יעדען, אין וועלכען איטליכער איז געצוואונגען צו נעהמען אנטהייל, ווען ער וויל ניט אונטערגעהן, ווען אין איהם איז דא א נאטירליכער לוסט צו לעבען.

אום צו ערדרייבען דעם צוועק — צו זיין זיכער

מיט זיין עקזיכטענץ, מוז דער איצטיגער מענש שפיעלען אין איבעריאגענעכ, אום איבער־צו־יאגען דעם צווייטען טאר ער ניט קוקען, וואס יאגענדיג זיך טרעט ער איבער דיא קערפער פון הונדערט אנדערע, קיים שטעלט ער זיך אפ און קוקט זיך ארום מיט רחמנות אויף דיא געפאלענע אפער ווייל ער איז אונטערגעווארפען פון אנדערע און ער מוז דאן אליין בלייבען ליגען און גע־טראטען ווערן פון אנדערע. אזוי איז דיא היינ־טיגע געזעלשאפט איינגעריכטעט: דריק אדער ווער אונטערדריקט, צווינג אדער זיי געצוואונ־גען, רויב אדער ווער בערויבט — דעריין בע־שטעהט דיא ברירה, קיין אנדער ברירה האט דער מענש אין היינטיגער געזעלשאפט ניט. אנשטאט צו העלפען דעם ליידענדען מוז ער איהם נאך מעהר שטיקען, ווען ער וויל אליין ניט דערשטיקט ווערן, ווייל פון הינטען יאגען זיך א גאנצע מאסע קאנקורענטען און זיי וועלען איהם געוויס א שליידער טאהן צו דר'ע־רד און לויפען איבער איהם אהן רחמנות — א ברירה האבען זיי, נאך זיי יאגט מען זיך אויך, און אזוי ווייטער און ווייטער. ווען מיר בעטראכטען דאס, דאן וואונדערן מיר זיך גאר ניט וואס דיא מענשען זיינען איצט אזוי שלעכט; זיי קענען אנדערש ניט זיין אין א געזעלשאפט, וועלכע איז געגרינדעט אויף אינדיווידועלע קאנקורענץ, אלגעמיינע פערניכטונג און קאמפף פון יעדען געגען יעדען.

קענען מיר אבער דען ערווארטען אזעלכע ערשיינונגען דאן, ווען דיא גרונדלאגען פון דער היינטיגער געזעלשאפט וועלען זיין פערניכטעט, ווען קיין פריוואט־אייגענטהום וועט ניט מעהר

עקזיסטירען, דאס אינדיווידואום וועט זיך ניט
יאגען אנצוזאמלען קופּעס געלד — אוף וועלכע
שווארץ־יאהר וועט ער דאן דארפֿען געלד? קיין
געלד אדער אירגענד וועלכע מטבעה האט דאן
קיין זינען ניט. דיא פֿאדערונגען פֿון יעדען ווערן
בעפֿרידיגט אין אזא פֿרייער געזעלשאַפֿט, דיא
פֿורכט פֿאר דעם מארגענדיגען טאג פֿערשווינדעט,
יעדערער איז זיכער מיט זיין עקזיסטענץ; וואס
פֿריינדליכער, וואס געמיינשאַפֿטליכער יעדערער
וועט לעבען מיט דיא איבעריגע זיינע מיטמענשען
און צוזאמען מיט זיי שאַפֿען צום אלגעמיינעם גע־
נוס, דעסטא זיכערער וועט ער זיין צו האבען
אלעס וואס ער ווינשט. נארען איינער דעם אנ־
דערן האט אין אזא געזעלשאַפֿט קיין זינען ניט,
עבען אזוי ווי עס האט קיין זינען ניט אין א
פֿאמיליע, וואו אלעמענס אינטערעסען זיינען
גלייך פֿערבונדען, ווייל דאס וואלט הייסען נארען
זיך אליין; צורייסען צו שלעכטע פֿלייש, צופֿויל־
טע פֿרוכט, פֿער'עפּוש'טע פֿיש א. ז. וו, וואס עס
פּראקטיצירט זיך אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט,
קען אין א קאמוניסטישער געזעלשאַפֿט ניט גע־
מאלט זיין, ווייל קיינער וועט דערפֿון קיין פּרא־
פֿיט ניט האבען און שאדען וועט עס יעדער.

עס בלייבט אלזא אין אזא ארט געזעלשאַפֿט
פֿאר דיא מענשען קיין פּלאַן ניט פֿאר צאנקע־
ריי. דארטען, וואו עס איז ניטא קיין פֿיינדשאַפֿט,
קיין האס, קיינע הינטערפֿיכלעך און קיינע נארע־
ריי, איז זעהר לייכט, דאס דיא מענשען, וואס
דארפֿען איין זאך, זאלען זיך פֿריידליך פֿערשטענ־
דיגען וויא דיזע זאך אדער אנגעלעגענהייט איינ־
צוארדנען דורך א פֿריינדליכען בעשלוס, דורך
א געמיינזאם געמאכטע רעזאלוציאן.

IV.

הארמאניע און סאלידאריטעט

מיר האבען שוין וויפיעל מאל ווידערהאלט, אז אין א געזעלשאפט וואו עס וועט ניט זיין קיין אינטערעסען פערשידענהייט וועט קיין קריעג ניט זיין צווישען איהרע מיטגליעדער און זיי וועלען לעבען סאלידאריש און הארמאניש צווישען זיך. געוויס קען מען ניט ערווארטען אז מיט איין מאל זאל דיא געזעלשאפט אומגעוואנדעלט ווערן אין אזא שעהנע, קלאהרע, ריינע הארמאנישע, אזוי וויא מיר האבען שוין פארגעשטעלט. א געזעלשאפטליכע אומוועלצונג איז ניט א דעקאראציע אין א טהעאטער, און אן אויגענבליק בייט זיך ניט איבער קיין געזעלשאפטליכע כצינגע, געוויס וועט מען האבען גענוג צו קעמפפען געגען פאלשקייטען ליגן און בעטרוג, ביז מען וועט גרייכען צום פונקט, צו וועלכען מיר שטרעבען. עס איז דאך אבער זעהר קינדיש צו גלויבען, אז א כאציאלע רעוואלוציאן, אזא וויא מיר שטעלען זיך פאר, וועלכע זאל גרינדליך איבערבויען דיא געזעלשאפט, זאל זיין דורכגעמאכט אין עטליכע טעג. דיא ארבייט וועט זיין זעהר א שווערע און מען וועט האבען זיכער אויסצושטעהן גענוג צרות, גענוג טריקס און פאלשקייטען. מען וועט בעגעגנען אויפ'ן וועג גענוג דערנער, זומפען און אלערליי הינדערניסע; יעדאך וועט דער צוועק זיכערער עררייכט ווערן, אידער מען זאל זיך פערלאזען אויף אויטאריטעטען, אויף

פיהרער, וועלכע וועלן אלעס צו רעכט מאכען און אלעס גלאט און „סמארט״ דורכפיהרען.

וויא שווער דער וועג זאל ניט זיין, וויא אונפערמיידליך עס זאלען ניט געמאכט ווערן פעהלער, אלץ איז אבער זיכערער אז דאס אלעס וועט אויסגעבעסערט ווערן, ווען מען וועט זיך ניט פערלאזען אויף פיהרער. ווען מען טאנצט וויא דיא פיהרער הייסען, ווען מען פערלאזט זיך אויף אווטאריטעטען, דאן ווערן זייערע פאר־שריפטען געזעצע, וועלכע מען מוז געהארכען וויא פעהלערהאפט און וויא פאלש זיי זאלען ניט זיין — מען מוז בלינד פאלגען. און ווען מען כאפט זיך אז עס איז פאלש, פעהלערהאפט, דום און פערדארבען, דאן קומט ערשט אויס צו פיהרען איבער דאס ניי א קאמפף, ווידער מאכען א רעוואלוציאן, וואס עס איז ניט אזא לייכטע זאך, דיא פראקטיקע האט עס שוין גענוגענד בעוויזען.

* * *

עבען אזוי וויא מיר שטעלען זיך פאר דיא הארמאניע און כאלידאריטעט צווישען דיא מיט־גלידער פון יעדער גרופע, אזא הארמאניע און כאלידאריטעט וועט אויך זיין צווישען דיא פער־שיעדענע גרופען. אום יעדע גרופע זאל האבען אלעס וואס זיא דארף צום געברויך אדער צום פראדוצירען, וועט זיין פאר דיא פערשיעדענע גרופען נויטווענדיג צו שטעהן אין פערבינדונג איינע מיט דיא אנדערע. דער פערלאנג אדער דיא נויטווענדיגקייט צו האבען א געוויסען ארטיקעל וועט מוזען פיהרען איין גרופע צו וויסען וואו, אין וועלכער גרופע אזא ארטיקעל ווערט פראדו־צירט און זיא וועט זיך שטעלען אין פערבינדונג

מיט יענער גרופּע. אזוי וועלען זיך איינרעגולירען די פערבינדליכקייטען פון די פערשיעדענע גרופּען.

דא שטעלט מען אונז געוויינליך די פראגע: „וויא איז אז מאנכע גרופּען פער'עקשנ'ען זיך און ווילען ניט ליפערן קיין ארטיקלען צו א וועלכער ניט איז גרופּע?" דערויף קענען מיר ענטפערן דעם זעלבען תירוץ וויא וועגען די איינצעלנע מיטגליעדער פון א גרופּע. ווען דער צוועק פון מענשען איז ניט אנצוהויפען רייכטהימער אהנע נוצען, ווען די פורכט פאר מארגענדיגען טאג איז ניטא ביי די איינצעלנע מיטגלידער און פאלגליך אויך ביי די גאנצע גרופּען, ווען עס איז אין די אינטערעסען פון יעדען איינעם דער וואהלזיין פון אלעמען, ווען די גרופּען וועלען זיין געגרינדעט פיר די אלגעמיינע נוצען, קענען אזעלכע פעללע ניט פארקומען. יעדער ארבייט וואס וועט ווערן אונטערנומען פון א וועלכער עס איז גרופּע, וועט געוויס געפינען נאך גרופּען, פאר וועלכע אזא ארבייט אדער אזא אונטערנעהמונג איז ניצליך, עס איז אונגלויביג, אז א גרופּע פון מענשען זאל זיך באשעפטיגען גראדע מיט אזא ארבייט, וועלכע קיינער דארף נישט — און איין מאל דארפען עס אויך אנדערע גרופּען, דאן קען ניט זיין, אז דיזע אנדערע גרופּען זאלען ניט וועלען ליפערן זייערע ארטיקלען צו אזא גרופּע, די ארבייט פון וועלכע עס איז פאר זיי נויטיג.

דער פארטהייל פון אזא סאלידארישען צו-זאמענלעבען וועט נאך בעשטעהן דעריין, דאס יעדער נייע אידעע וועט גלייך ארייגעפיהרט

ווערן אין פראקטישען לעבען, אנשטאט דעם וואס יעצט ווערט א נייע אידעע געפראקטיצירט נור דאן, ווען אירגענד וועלכער קאפיטאליסט זעהט אין איהר א מיטעל צו קענען עקספלואטי־רען; און אזוי וויא אונזערע קאפיטאליסטען האבען איטער זייערע געשעפטען זעהר גראבע מוחות, דערפאר קומט עס, דאס פיעלע נייע אידעען הייבען גאר ניט אן אנצוזעהען דיא ליכ־טיגע וועלט, און ווען א וועלכע עס איז אידעע ווערט שוין אריינגעבראכט אין פראקטישען לעבען, דאן נוצט זיא ניט אלס א פארטהייל פאר יעדען, זאנדערן זיא נוצט נור רייך צו מאכען עטליכע מענשען און דיא איבעריגע צו טריי־בען נאך אין טיעפערער ארמוטה.

עס וועט אבער זיין א גרויסער טעות, ווען מען וועט אונז מאכען א פארוואורף, אז אזא אידעע פון א געזעלשאפט אפפערט מיט דעם אינדיווידואום פון דער געזעלשאפט ווענען, און דאס יעדער פערלאנג אדער פערגעניגען פון דעם איינצעלנעם מענשען איז אונמעגליך, ווען מען זאל אלעם מעסטען נאך דיא נוצען פון דער גאנצער געזעלשאפט.

עס איז פאר אונז קלאהר, אז יעדער פערלאנג אדער פערגעניגען פון'ם איינצעלנעם מענשען איז א פאדערונג, וועלכע עס איז דא אין דער געזעלשאפט, און דאס געהט אריין אין צאהל פון דיא פערשיעדענע פאדערונגען, וועלכע דיא געזעלשאפט מוז זארגען צו בעפרידיגען. און מיר ווידערהאלען דא נאך א מאל וואס מיר האבען שוין ביי געלעגענהייט געזאגט, אז דיא פאדע־רונגען פון איין מענשען וועלען איהם פיהרען

דערצו, ער זאל זיך גרופירען מיט נאך מענשען, וועלכע האבען עהנליכע פאדערונגען און א עהנ־ליכען געשמאק אין לעבען — און צוזאמען וועלען זיי זארגען פיר זייער בעפריעדיגונג.

מיר גלויבען דאס דיא מעגליכקייט פריי צו גרופירען זיך נאך דיא פערשיעדענע טעמפעראמענטען, נאך דיא פערשיעדענע נייגונגען און געשמאקען אונטער דיא מענשען, וועט פיהרען דאצו, דאס עס וועלען זיך ארגאניזירען אלערליי גרופען פאר אלערליי פאדערונגען, וועלכע עס קענען נור אריינקומען אין מענשליכען לעבען, און אז גרופען פון גלייכע מענשען וועלען אויס־געפינען אלע מיטלען, וועלכע קענען נור זיי געבען דיא מעגליכקייט צו בעפרידיגען זייערע פאדערונגען. נאטירליך וועט אין אזא געזעלשאפט פון פרייע און ענטוויקעלטע מענשען אויסארביי־טען זיך א פיינערער געשמאק וויא ביי דעם איצטי־גען מענשען, מען וועט זיכער ניט שטרעבען צו טראגען א גלאנציגען מעשענעם קנעפיל און עהנליכע שמאכטעס, וועלכע ציינען אז מיר זיינען נאך ניט ארויס פון דיא קינדערשיכלעך דער ווילדהייט.

מיר וועלען צוגעבען אז עס קענען געבען געוויסע זאכען, וועלכע זאלען זיין געפאדערט פון איינינע מענשען און דיא גאנצע גרופע זאל ניט געפינען פאר נויטיג אזעלכע זאכען צו פרא־דוצירען. דאס קאן אבער זיכער ניט שטערן דער הארמאניע און סאלידאריטעט פון דער גרופע. וועט דען דער מענש אין אזא פרייער געזעל־שאפט ניט זיין באס איבער זיך אליין ? וועט ער דען ניט האבען צייט גענוג ? וועלען דען ניט

אלע מיטלען צו פראדוקציאן אין דיא פערשיע־
דענע מאטעריאלען ניט זיין פריי פאר איהם
צו נעבריזכען זיי ווען און וויפיעל ער וויל? עס
בלייבט אלזא פאר דיא מענשען, וואס ווילען
האבען אזא זאך וואס אין דער גרופע איז ניט
פראדוצירט געווארען, צו שאפען זיך עס אליין.
דעריין קען ווידער אמאל זיין א טובה פאר אלע־
מען, דען עס וועט זיך עפענען א נייע ברענטש
אין דער אינדוסטריע.

קורץ, דיא אנארכיסטיש קאמוניסטישע געזעל־
שאפט, דיא געזעלשאפט אהן א רעגולירענדער
רעגיערונג, וועט זיך קענען פריי און פריעדליך
ענטוויקלען, ווייל אין גרונד פון דער געזעל־
שאפט וועט זיין הארמאניע און סאלידאריטעט.

"LIBERTY HALL" FREE
REFERENCE
LEEDS
LIBRARY
AND READING ROOM

Digitized by Google

Digitized by Google

HX894
G8219
1894

STANFORD
LIBRARIES

Digitized by Google